STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08138

DER 41-STER

Boris Lavrenev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. לאַווּרעניעוו

דער 41־סטער

פון רוסיש איבערגעזעצט — יאַך

פאַרלאַג א. שקליאַר
וואַרשע 1928

איבערדרוקן אינגאַנצן אָדער טיילווייז
אָן דער דערלויבניש פון אַרויסגעבער
פאַרבאָטן. וועגן דערלויבעניש זיך ווענדן:

A. Szklar,
Warszawa, Leszno 76.

B. ŁAWRENIEW / 41-SZY /
NAKŁADEM A. SZKLARA /
WARSZAWA / 1928 R. /
DRUKARNIA I. HENDLERA
WARSZAWA, DŁUGA 26

קאַפּיטל איינס.

אָנגעשריבן דורכן מחבר נאָר בלית ברירה.

דער גלאַנצנדיקער רינג פון די קאָזאַקישע שווערדן, וואָס איז יעדע ווײַלע אונטערגעשניטן געוואָרן פון די הייסע שטראָמען פון אַ קוילנוואַרפער, איז זיך פאַרטאָג פון צפון-זײַט אויף אַ רגע פאַנאַנדערגעפאַלן, און דורך דער שפּאַרע האָט זיך מיט אַ פיבערדיקער, לעצטער אָנשטרענגונג דורכגעריסן דער מאַלינע-רויטער קאָמיסאַר יעווסיוקאָוו.

בסך-הכל האָבן זיך פון טויטן קרײַז אין דעם ווײַך-געבעטן טאָל אַרויסגעריסן — דער מאַלינע-רויטער יעווסיוקאָוו, דרײַאונצוואַנציק מאַן און מאַריוטקאַ.

הונדערט און נײַנצן טויטע גופים און כמעט אַלע קעמלען זײַנען געבליבן ליגן צעשפּרייט איבער דעם דורכגעפרוירענעם, אָנגעשאָטענעם זאַמד, צווישן די שלענגלדיקע סאַקסאַולנעצן און די רויטע טאַמאַריסק-ריטלעך.

ווען מ'האָט געמאָלדן דעם עסאַול באַליגאַ, אַז דעם שונאס רעשטלעך האָבן זיך אָפּגעטראָגן, — האָט ער אַ דריי געטון מיט דער בערישער לאַפּע זײַנע צעשויבערטע וואָנסעס, אַ געֹנעץ געטון, פאַנאַנדערגעצויגן אַ מויל, ווי אַ קוימען, און פויל אַ ברום געטון:

— נישט כדאַי! נישט נאָכיאָגן, אַן עבירה די פערד צו מאַטערן. זיי וועלן אַליין אין די זאַמדן אויספּגרן. באַראַ-ביר!

און דער מאַלינע-רויטער יעווסיוקאָוו מיט די דרײַאונצוואַנציק מאַן און מיט מאַריוטקען זײַנען מיט אַ פלינקן לויף פון אַ סטעפּישן, צעווילדעוועטן וואָלף אַנטלאָפן אין די אומענדלעכע גראָבע זאַמדן.

איז דער לעזער שוין אומגעדולדיק צו דערוויסן זיך, פאַר־וואָס — „מאַלינע־רויטער יעווסיקאָוו״?

לאָמיר גיין כסדר.

ווען קאָלטשאַק האָט, ווי מיט אַ שטייפן פּראָפּן, פאַר־שטאָפּט מיט מענטשיש, פון שפּיזן דורכגעשטאָכן פלייש, די אָרענבורגער ליניע און אַוועקגעשטעלט הינטערן פראָנט „פאַר־שטומטע״ לאָקאָמאָטיוון, זיי זאָלן זשאַווערן אויף די בלינדע רעלסן, — האָט אין דער טורקעסטאַנער רעפּובליק אויסגעפעלט שוואַרצע פאַרב צו פאַרבן לעדער.

אַוועק איז אַ צייט אַ דונערדיקע, אַ מוראדיקע, אַ לעדערנע.

אַרויסגעוואָרפן פון דער ליבער שטילקייט פון די היימי־שע ווענט — אויף היצן און פרעסט, רעגנס און שלאַקס־רעגנס, אונטער דער דורכנעמענדיקער קוילן־פייפעריי, — נויטיקט זיך דער מענטשלעכער קערפּער אין אַ פעסטן צודעק.

דערפון טאַקע האָבן זיך גענומען אויף די מענטשן לע־דערנע קורטקעס.

אומעטום פלעגט מען די קורטקעס פאַרבן אויף שוואַרץ, מיט אַן אָפּגלאַנץ פון שטאָל, — אַ פאַרב אַ רויע און אַ האַר־טע, ווי די אייגנטימער פון די קורטקעס.

און ס׳האָט אויסגעפעלט אין טורקעסטאַן אַזאַ פאַרב.

ס׳איז אויסגעקומען דעם רעווסטאַב (רעוואָלוציאָנערן שטאַב) צו רעקווירירן ביי דער אָרטיקער באַפעלקערונג די זאַפּאַסן דייַ־טשישע אַנאַלין־פּראָשקעס, אַדאַנק וועלכע ס׳האָבן זיך פאַנאַנ־דערגעבליט מיט עקזאָטישע קאָלירן די דורכזיכטיקע זיידענע שלייערס, געמאָלט דורך די פּערגאַנישע אוזבעקן, און די האָ־ריקע, טעקינישע דיוואַנעס פון די טורקעסטאַנער פרויען.

האָט מען אָנגעהויבן פאַרבן מיט די דאָזיקע פּראָשקעס די פרישע שאָפּענע פעלכלעך, און די טורקעסטאַנער רויטע אַר־מיי האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט מיט אַלע פאַרבן פון אַ רעגנ־בויגן: מאַלינע, אָראַנזש, לימאָן, שמאַראַגד, טורקוס, ליל־אַ

דעם קאָמיסאַר יעווסיוקאָוו האָט דער גורל, אין דער פּערזאָן פון געשטופּלטן מאַגאַזיניער, געגעבן אויף דער פּאָדערונג פון שטאַב אַ העל מאַלינע-פאַרביקע פּאָר הויזן און קורטקע.

אַ פּנים האָט יעווסיוקאָוו פון קינדווייז אָן אויך געהאַט אַ מאַלינע-פאַרביקס מיט געלע זומערשפּרענקלעך; און אויפן קאָפּ, אָנשטאָט האָר, — עפּעס אַ מין איידעלן קאַטשקע-פוך.

אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן, אַז יעווסיוקאָוו איז געווען קליינוווקסיק, פּעסט-געבויט, און מיט זיין גאַנצער פיגור האָט ער אויסגעזען, ווי אַ ריכטיקער אָוואַל, וועט אויסקומען, אַז אין די מאַלינע-רויטע הויזן און קורטקע איז ער געווען ענלעך, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, צו אַ געפאַרבטער פּאַסכאַ-איי.

אויף יעווסיוקאָווס פּלייצעס קרייצן זיך די רימענס פון דער מיליטערישער אויסשטאַטונג, ווי דער רוסישער אות „X"; און, ס'דוכט זיך, אַז אויב דער קאָמיסאַר וועט זיך אויסדרייען מיטן פּנים דאַרף זיך באַווייזן דער אות „B"

„Христос Воскрес"

(קריסטוס איז תחית-המתים אויפגעשטאַנען).

ס'איז אָבער נישט אַזוי. אין פּאַסכאַ און אין קריסטוסן גלויבט יעווסיוקאָוו נישט.

ער גלויבט אין אַרבעטער-ראַט, אינטערנאַציאָנאַל, טשעקאַ און אין שווערן אָקסידירטן נאַגאַן אין די שטאַרקע, אָדערדיקע הענט.

די דרייאונצוואַנציק רויטאַרמייער, וואָס זיינען אָפּגעטראָטן מיט יעווסיוקאָוון צו צפון-צו פון דעם שטערבלעכן שווערדן-קרייז, — אַזוי ווי רויטאַרמייער. די געוויינלעכסטע מענטשן.

די נישט-געוויינלעכע צווישן זיי איז מאַריוטקאַ.

אַ קיילעכדיקע יתומה איז מאַריוטקאַ, אַ פישערין פון אַ פישער-ישוב אונטער אַסטראַכאַן, אויף דער וואָלגאַ-דעלטע, וואָס איז באַדעקט מיט וואַסער-ראָרן.

זינט איר זיבעטן לעבנס-יאָר אָן, איז זי צוועלף יאָר אָפּ-

געזעסן רייטנדיק אויף אַ באַנק, וואָס איז געווען פעט פון פיש-קישקעס, אין ברעזענטענע שטייפע הויזן, שפּאַלטנדיק מיט אַ מעסער די זילבער-שופּנדיקע בייכער פון די הערינג.

און ווען מען האָט אין די שטעט און דערפער געמאָלדן די ווערבירונג פון פרייוויליקע אין דער רויטער אַרמיי, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גוואַרדיע, ד״האָט מאַריוטקאַ אַריינגעשטעקט דעם מעסער אין באַנק, זי איז אויפגעשטאַנען און אַוועק זיך פאַרשרייבן פאַר אַ רויט-גוואַרדיסטין.

לכתחילה ד״האָט מען זי נישט געוואָלט אָננעמען, דערנאָך אָבער, זעענדיק, ווי זי קומט אָן אויפהער יעדן טאָג, האָט מען זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און זי צוגענומען פאַר אַ רויטגוואַרדיסטין אויף גלייכע רעכט מיט אַנדערע; מ׳האָט אָבער גענומען ביי איר אַן אונטערשריפט, אַז זי זאָגט זיך אָפּ פון ווייבערשן לעבנס-שטייגער און, אַגב, אַז זי וועט נישט האָבן קיין קינדער ביזן אַנטגילטיקן נצחון פון דער אַרבעט איבערן קאַפּיטאַל.

מאַריוטקאַ — שלאַנק, ווי אַ וואַסער-ראָר, — פאַרפלעכט די געלע צעפּ אין אַ קרוין אונטער דער טעקינישער גרויער פּאַפּאַכע. און אויגן האָט זי ווילדערישע, קרום דורכגעשניטן מיט אַ געלן, קעצישן פייער.

דער עיקר אין מאַריוטקעס לעבן זיינען טרוימען. זי איז זייער גענויגט צו טרוימען און האָט אויך ליב מיט אַן אָפּגעביסענעם בלייפעדער צונויפצושטעלן אויף אַ וועלכן ס׳איז שטיקל פּאַפּיר, אַבי ווו, לידער מיט קרומע אותיות און שורות באַרג-אַראָפּ.

דאָס ווייסט די גאַנצע אָפּטיילונג. ווי-נאָר מ׳איז געקומען אין עפּעס אַ שטאָט, ווו ס׳איז דאָ אַ ציישונג, האָט מאַריוטקאַ אויסגעפּועלט אין קאַנצעלאַריע אַ בויגן פּאַפּיר.

באַלעקנדיק מיטן צונג פון אויפרעגונג די פאַרטריקנטע ליפּן, האָט זי מיט התמדה איבערגעשריבן די לידער, איבער

יעדן האָט זי געשטעלט אַ טיטול, און פון אונטן — אַן אונטער־שריפט:

ליד ער פון מאַריאַ באַסאָווע.

זי האָט דאָס געטראָגן אין רעדאַקציע. דאָרט האָט מען ווי אויף בייז ווונדער געקוקט אויף דאָס שלאַנקע מיידל אין פעלצל, מיט אַ קאַוואַלעריע־ביקס, פאַרוואונדערט גענומען די לידער און צוגעזאָגט זיי איבערצולייענען.

רויק באַטראַכטנדיק אַלעמען, איז מאַריוטקאַ אוועקגע־גאַנגען.

דער פאַראינטריגירטער רעדאַקציע־סעקרעטאַר האָט גענו־מען זיך אַריינטון אין די לידער. די אַקסלען זיינע האָבן זיך געהויבן און גענומען ציטערן, דאָס מויל האָט זיך פאַנאַנדער־געצויגן אין אַ קאָנוולסיוון געלעכטער. ס׳האָבן זיך צונויפגע־קליבן די מיטאַרבעטער, און דער סעקרעטאַר ד׳האָט קייכנדיק געלייענט די לידער.

די מיטאַרבעטער האָבן פון געלעכטער זיך געוואַלגערט אויף די פענסטער: קיין מעבל איז אין רעדאַקציע צו יענער צייט נישט געווען.

די לידער זיינען געווען פאַרשידענע. צווישן אַנדערע — וועגן לענינען:

> עני, אונדזער פראָלעטאַרישער גבור,
> מיר וועלן דיך אויסהאַמערן אויפן פלאַ,
> דו האָסט צעשטערט זייער צאַרישן פאַלאַץ
> און געשטעלט דיין טריט אויף אַרבעט.

מאַריוטקאַ איז געקומען נאָכאַמאָל אין דערפּרי. זי האָט צונויפגענומען די בלעטלעך, פאַרקשנט געקוקט אין סעקרע־טאַרס קאָנוולסיוו־ציטערנדיק פּנים מיט אירע נישט־ווינקנדיקע בליצאַפּלען, און האָט מעלאָדיש געזאָגט:

— הייסט עס, אוממעגלעך צו פאַרעפנטלעכן? נישט גאַ־

אַרבעס? איך האָב זיי שוין פון סאַמע מיטן גלייך ווי אַ האַק אַרומגעהאַקט און אַלץ שלעכט. נו, וועל איך זיך נאָך באַמיען, נישטאָ קיין ברירה! און פון וואָס זיינען זיי אַזוי שווער, אַ רוח אין די פיש אַריין! אַ?

זי האָט געהויבן מיט די אַקסלען, אַראָפּגערוקט אויפן שטערן איר טוקמענישע פּאַפּאַכע און איז אוועקגעגאַנגען.

די לידער האָבן זיך מאַריוטקען נישט איינגעגעבן, פון ביקס אָבער האָט זי געזעצט אין ציל מיט אַ מערקווירדיקער טרעפלעכקייט. זי איז געווען דער בעסטער שיסער אין יעווסיוקאָווס אָפּטיילונג, און בעת די שלאַכטן האָט זי זיך שטענדיק געפונען נעבן דעם מאַלינע-רויטן קאָמיסאַר.

יעווסיוקאָוו פלעגט ווייזן מיטן פינגער:

— מאַריוטקאַ, קוק, אַן אָפיציר!

מאַריוטקאַ פלעגט אַ זשמורע טון מיט די אויגן, באַלעקן די ליפּן און נישט-איילנדיק צילן. פלעגט אַ קלאַפּ-טון אַ שאָס, שטענדיק אַ טרעפלעכער.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס און יעדעס מאָל געזאָגט:

— ניינאונדרייסיקסטער, אַ רוח אין די פיש אַריין, פערציקסטער, אַ רוח אין די פיש אַריין.

„אַ רוח אין די פיש" — איז מאַריוטקעס באַליבט ווערטל.

קיין פרעכקייטן האָט זי אָבער נישט ליב געהאַט. ווען מ'האָט זיך געזידלט אין איר קעגנוואַרט, פלעגט זי זיך בלאָזן, שווייגן און רויט ווערן.

דעם אונטערשריפט, וואָס מאַריוטקאַ האָט געגעבן אין שטאַב, האָט זי היילי‍ק געהאַלטן. קיינער אין דער אָפּטיילונג האָט נישט געקאָנט זיך באַרימען מיט מאַריוטקאַס גינציקייט. איינמאָל בייננאַכט האָט זיך צו איר אונטערגערוקט דער נאַרוואָס אָנגעקומענער אין דער אָפּטיילונג מאַדיאַר, גוטשאַ, וואָס האָט זי שוין אייניקע טעג פאַרפאָלגט מיט זיינע גיריקע בליקן. אַ שוואַרצן סוף האָט ער געהאַט. דער מאַדיאַר האָט זיך קוים

אָפּגעטשעפּעט מיט דריי אויסגעהאַקטע ציין און מיט אַ צעפּלעטן קאָפּ. אַזוי האָט זי אים באַאַרבעט מיטן הענטל פון רעוואָלווער.

די רויטאַרמייער פּלעגן פון מאַריוטקען ליבלעך לאַכן, בעת די שלאַכטן פּלעגן זיי זי אָבער היטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ.

געווירקט האָט אויף זיי אַן אומבאַוווּסטזיניקע צערטלעכקייט, וו[illegible]ס איז געווען טיף באַהאַלטן אונטער דער בונטער, האַרטער פעל פון די קורטקעס, אַ בענקשאַפט נאָך די אין דער היים איבערגעלאָזענע הייסע, נאָכגיביקע ווייבערשע לייבער.

אָט אַזעלכע זיינען געווען די אַנטלויפנדיקע צו-צפון-צו, אין דער פינסטערער ווייטקייט פון די דורכגעפרוירענע זאַמדן, די דרייאונצוואַנציק, דער מאַלינע-רויטער יעווסיוקאָוו און מאַריוטקאַ.

מיט זילבערנע טרעלן האָט דער שניי-שטורעמדיקער ווינטערגעזונגען. ער האָט פאַרשאָטנמיט ווייך-געבעטן, אייזיקן פון די טאָלן צווישן די זאַמדיקע הויכקייטן, און איבער די אַנטלויפנדיקע אין דער טריבקייט פונם שניי-שטורם האָט געפייפט דער הימל, — דאָ מיט אַ ווילדן ווינט, דאָ ווידער מיט דער פיינלעכער פייפעריי פון שונאס קוילן, וואָס האָבן יאָגנדיק נאָך זיי, געשניטן די לופט.

שווער געווען ארויסצושלעפּן פון שניי און זאַמד די שווערגעוואָרענע פיס אין די צעלעגטע שטיוול. ס׳האָבן געכריפּעט, געוואָיעט און געשפּיגן די הונגעריקע, צעפּאַטלטע קעמלען.

די ערד-שפּאַלטן, וואָס זיינען געווען אויסגעבלאָזן פון די ווינטן, האָבן געגלאַנצט מיט זאַלץ-קריסטאָלן, און אויף הונדערט וויאָרסט אַרום איז דער הימל געווען אָפּגעשניטן פ[illegible]ן דער ערד, ווי מיט אַ קצבישן מעסער, דורך דער גלייכער און ט[illegible]בער ליגיע פון נידעריקן האָריזאָנט.

דער דאָזיקער קאַפּיטל איז, אייגנטלעך, אינגאַנצן איבע-

ריק אין מיין דערציילונג.

ס'וואָלט געווען גלייכער אָנצוהויבן פון דעם הויפּט-ענין, פון דעם, וועגן וואָס ס'וועט דערציילט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

דער לעזער דאַרף דאָך אָבער וויסן, פון וואַנען און ווי אַזוי ס'האָבן זיך באַוויזן די רעשטלעך פון דער ספּעציעלער גוריעווער אָפּטיילונג זיבנאונדרייסיק וויאָרסט צו צפון-מזרח פון די ברונעמער קאַראַ-קודוק, פאַרוואָס האָט זיך אין דער רויט-אַרמעישער אָפּטיילונג געפונען אַ פרוי, פאַרוואָס איז דער קאָמיסאַר יעווסיוקאָוו אַ מאַלינע-רויטער, און נאָך אַ סך זאַכן דאַרף זיך דער לעזער דערוויסן.

בלית-ברירה האָב איך אָנגעשריבן דעם דאָזיקן קאַפּיטל. איך מיין אָבער, אַז ער האָט נישט קיין שום באַדייטונג.

קאַפּיטל צוויי,

אין וועלכן ס'באַווייזט זיך אויפן האָריזאָנט אַ שוואַרצער פלעק, וואָס ווערט ביים דערנענטערן זי פאַרוואַנדלט אינם גוואַרדיע-פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ-אָטראָק.

פון די ברונעמער דזשאַן-העלדי ביז די ברונעמער סאַי-קודוק איז פאַראַן 70 וויאָרסט; פון דאָרטן ווידער ביזן קוואַל אושקאַן—נאָך 62 וויאָרסט.

ביינאַכט האָט יעווסיוקאָוו, אַ שטויס טוענדיק מיט דער ביקס אַ בוים-וואָרצל, אַ זאָג געטון מיט אַ דורכגעפרוירענעם קויל:

— אָפּשטעלן זיך! מאַכן נאַכט!

מ'האָט פאַנאַנדערגעבערענט סאַקסאַול-דערנער. זיי האָבן

זיך פאַנאַנדערגעבערענט מיט אַ פּעטן, דוּיכערדיקן פייער, און אין אַ טונקעלן קרייז אַרום דעם פייער איז צעגאַנגען דער זאַמד.

מ׳האָט אַרויסגענומען פון די פּעק רייז און פעטס. אין אַן אײַזערנעם קעסל האָט זיך געקאָכט אַ קאַשע, וואָס האָט שטאַרק געשמעקט מיט שעפּסנס.

ענג האָבן זיי זיך אַרומגעזאַמלט אַרום קעסל. זיי האָבן געשוויגן און בשעת־מעשה האָט זיי געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן; זיי האָבן זיך באַמיט צו פאַרהיטן דעם קערפּער פון די פרווירנ־דיקע באַרירונגען פונם שטורעמווינט, וואָס איז געקראָכן דורך אַלע לעכער. זיי האָבן געוואַרעמט די פיס אין סאַמע פייער, און די דורכגעווייקטע פעל פון די שטיוול האָט געקנאַקט און געסיקעט.

די קעמלען מיט געפּענטעטע פיס האָבן אומעטיק גע־קלונגען מיט די גלעקלעך אין דער ווייסלעכער שניי־טריבקייט.

יעווסיוקאָוו האָט מיט טרייסלענדיקע פינגער צונויפגע־דרייט אַ סיגאַרעטל.

אַרויסגעלאָזן דעם רויך. און צוזאַמען מיטן רויך, מיט אָנשטרענגונג אַרויסגעברומט:

— מ׳דאַרף, הייסט עס, חברים, זיך מיישב זיין, וווהין זיך איצט לאָזן?

— וווהין דו וועסט זיך לאָזן, — האָט זיך אָפּגערופן אַ טויטער קויל פון הינטער די קוסטעס, — איז אַלץ איינס קאַ־פּוט, אַ סוף. צו גורייעוו־צו טאָר מען זיך נישט לאָזן, דאָרט האָבן אָנגעשפּאַרט די קאָזאַקן — ווי טייוולאָנים. און חוץ גורי־יעוו, איז נישטאָ, וווהין זיך צו שפּאַרן.

— סיידן אויף כיוואַ?

— כי־כי! אַרייַנגעפּאָרן! קנאַפּע 600 וויאָרסט איבער קאַ־ראַ־קום ווינטערצייט? און פרעסן וואָס וועסטו? סיידן האָדעווען אין די הויזן אַ פּלאַנטאַציע פון לייז?

דער עולם האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, דערזעל־

בער טויטער קול האָט אָבער האָפּנונגסלאָז אַ זאָג געטון:

— איין אויסוועג — צו פּגרן!

האָט אַ דריק-געטון יעווסיוקאָוון ביים האַרצן אונטערן מאַ-לינעדיקן פּאַנצער, ער האָט אָבער, ווי קיינמאָל גאָרנישט, אי-בערגעשלאָגן דעם רעדנדיקן אין די רייד:

—דו, וואָרעם! פאַרשפּרייט נישט קיין פּאַניק! פּגרן קען יעדער שוטה, מ׳דאַרף אָבער מיטן מוח אַן אַרבעט טון, כּדי נישט צו פּגרן.

— צום אַלעקסאַנדעראָווער פאָרט דאַרף מען גיין. דאָרט זיינען פאַראַן היימישע חברה, פישער.

— לאָז געמאַכט,—האָט אַריינגעוואָרפן יעווסיוקאָוו,—ס׳איז געווען אַ ידיעה, אַז דעניקא האָט דאָרט אַרויסגעזעצט מיליטער. אי קראַסנאָוואָדסק, אי דער אַלעקסאַנדראָווער פאָרט זיי-נען ביי די ווייסע.

עמיצער האָט דורכן שלאָף אָפּגעריסן אַ קרעכץ געטון.

יעווסיוקאָוו האָט אַ קלאַפּ געטון איבער זיין קני, וואָס איז געווען הייס פון פייער. ער האָט אויפן גאַנצן קול אַ ברום געטאָן:

— אַ סוף! איין וועג, חברים, איז פאַראַן — צו אַראַל! אַז מיר וועלן זיך דערשלעפּן ביז אַראַל,—דאָרט וואַנדערן קיר-גיזן ביים ברעג, — וועלן מיר צו זיך קומען, און דערנאָך אַרומריינגלענדיק אַראַל, וועלן מיר דערגיין קיין קאַזאַלינסק. און אין קאַזאַלינסק איז פאַראַן אַ פראָנט-שטאַב. דאָרט וועלן מיר זיין אין דערהיים.

אָפּגעזאָגט — אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט אַליין נישט געגלויבט, אַז דאָס איז מעגלעך.

אַ דערנעבן-ליגנדיקער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ פרעג געטון:

— און ביז אַראַל וואָס וועלן מיר קייען?

און ווידער האָט יעווסיוקאָוו אויסגעדראַקט:

ס'וועט אויסקומען איינצוציען די הויזן. גרויסע פּריצים! סאַרדינען מיט האָניק דיר דערלאַנגען? וועסט אַזוי אויך קריכן, רייז איז דערוויילן דאָ, מעל איז אויך פאַראַן אַ קלייניקייט.

— אויף דריי טעג גאַנג?

— טאָ איז וואָס, אַז אויף דריי? און ביז טשערנישער ים-אויסגוס איז צען. קעמלען דהאָבן מיר זעקס. אַלץ איינס ברענגען זיי נישט קיין נוצן. מיר וועלן איינעם שעכטן, דאָס פלייש אָנלאָדן אויף אַ צווייטן און ווייטער. אַזוי אַרום וועלן מיר זיך דערשלעפּן.

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. געלעגן איז ביים פייער מאַריוטקאַ, אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, געקוקט אין פייער מיט לייזיקע, נישט ווינקענדיקע קעצישע שוואַרצאַפּלען. אַ טרויער האָט באַהערשט יעווסיוקאָוון.

ער איז אויפגעשטאַנען, אָפּגעטרייסלט די שנייי פון קורטקע.

— אַ סוף! מיין באַפעל — פאַרטאָג אין וועג אַריין. מעג-לעך, אַז נישט אַלע וועלן מיר דערגיין, — האָט אַ ציטער גע-טון, ווי אַ דערשראָקענער פויגל, דעם קאָמיסאַרס שטים,— גיין דאַרף מען אָבער... ווייל, חברים... ס'איז דאָך רעוואָלוציע... פאַר די אַרבעטער פון דער גאָרער וועלט!

ער האָט אַ קוק געטון אין די אויגן אַריין אַלע דרייאונ-צוואַנציק איינעם נאָכן צווייטן.

ער האָט שוין נישט געזען דעם פייער, צו וועלכן ער איז געווען געוווינט במשך אַ יאָר. טריב זיינען געווען די אויגן. זיי האָבן אים אויסגעמיטן, און אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען האָט געברענט פאַרצווייפלונג און ספקות.

— מיר וועלן די קעמלען אויפפרעסן, און דערנאָך וועט אויסקומען איינער דעם אַנדערן אויפצופרעסן.

זיי האָבן ווייטער געשוויגן.

און פּלוצלונג האָט יעווסיוקאָוו מיט אַ קוויטשיקן, ווײ-בערשן קול רוגזהדיק אַ געשריי געטון:

— אָן טענות! די רעוואָלוציאָנערע פליכט קענסטו? שווייגן באַפוילן — פּאַרטיק! אַנדערש — תּיכּף צו דער וואַנט.

ער האָט זיך פאַרהוסט און אַוועקגעזעצט.

און דער, וואָס האָט געמישט די קאַשע מיט אַ שאַמפּאַל, האָט אומדערוואַרט פריילעך אַ וואָרף געטון אין דער לופטן אַרויס.

— וואָסט'איר די נעזער אַראָפּגעלאָזט? שלינגט די קאַשע — אומזיסט געקאָכט, צי וואָס? גבורים!

זיי האָבן גענומען אַרויסכאַפּן מיט די לעפל די געדיכטע הויפנס פעטן אָנגעשוואָלענעם רייז; בריענדיק זיך, האָבן זיי געשלונגען, ס'זאָל נישט ווערן אויסגעקילט, נאָר בשעתן שלינגען האָט זיך צוגעקלעבט אויף די ליפּן אַ געדיכטע שאָל פון פאַרפרוירענער, עקלדיקער סטעאַרין-פעטס.

דאָס פייער איז ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען, אַרויסוואַרפנדיק אין דער נאַכט אַריין בלאַס-אָראַנזשענע פונקען-פאָנטאַנען. נאָך ענגער האָבן זיי זיך צונויפגעדריקט, זייענען אַנטשלאָפן געוואָרן, געכראָפּעט, געקרעכצט און געזידלט זיך פון שלאָף.

שוין פאַרטאָג האָבן קלעפּ אין אַקסל אויפגעוועקט יעווסיוקאָוון. שווער אויפרייסנדיק די צונויפגעפרוירענע ברעמען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און, פון געוווינשאַפט, אַ שטרעק געטון אַ פאַרשטאַרטע האַנט צום ביקס.

— שטיי, וואָרף זיך נישט!

איינגעבויגן איז איבער אים געשטאַנען מאַריוטקאַ. אין געל-גרויעם רויך פון בוראַן האָבן געגלאַנצט קעצישע פייערלעך.

— וואָס איז?

— שטיי-אויף, חבר קאָמיסאַר! נאָר אָן גערודער! בשעת איר האָט געפּאָפּעט, האָב איך מיך דורכגעשפּאַצירט אויף אַ קעמל, — אַ קירגיזן-קאַראַוואַן גייט פון דזשאַן-העלדי.

יעווסיוקאָוו האָט זיך איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט. ער האָט אויפגערעגט אַ פרעג געטון:

— וואָס פאַר אַ קאַראַוואַן ? וואָס דרייסטו אַ מוח ?

— אַ נישט זאָל איך... אַ רוח אין די פיש אַריין ! קיר-גיזן ! פערציק קעמלען !

יעווסיוקאָוו איז אויפגעשפרונגען אויף די פיס, אַ פייף-געטון מיט די פינגער. קוים מיט צרות האָבן זיך אויפגעהויבן די דרייאונצוואַנציק, אויסגלייכנדיק די קערפערס, די פאַרשטאַר-טע פון קעלט, נאָר דערהערנדיק וועגן דעם קאַראַוואַן, זיינען זיי געקומען צו זיך.

ס'האָבן זיך אויפגעהויבן צווייאונצוואַנציק. דער לעצטער האָט זיך נישט אויפגעהויבן. ער איז געלעגן, געוויקלט זיך אין אַ פערדישן צודעק, און דער צודעק האָט זיך געטרייסלט פון דעם ציטערנדיקן קערפער.

— היץ-קרענק ! — האָט מיט זיכערקייט אַ זאָג-געטון מאַר-יוטקא, אַ טאַפּ-טוענדיק מיט די פינגער הינטער זיין קאָלנער.

— צום טייוול ! וואָס זאָל מען טון ? דעקט אים איבער מיט ווילאָק, זאָל ער ליגן. ווען מיר זיך אומקערן — וועלן מיר אים צונעמען. אין וועלכער זייט איז דער קאַראַוואַן, זאָגסטו ?

מאַריוטקאַ האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו מערב-צו.

— נישט ווייט ! אַ וויאָרסט זעקס. רייכע קירגיזן. פעק אויף די קעמלען — אָהאָ !

— נו, זיינען מיר גערעטעוועט ! נאָר נישט אַרויסלאָזן, ווי נאָר מיר'ן דערזען — אַרומנעמען פון אַלע זייטן. קיין פיס נישט זשאַלעווען. ווער רעכטס, ווער לינקס. מאַרש !

זיי האָבן אָנגעהויבן צו שפּרייזן, אויסגעצויגן אין אַ לאַנגן שנור, איבער די זאַמדן, זיך צוגעבויגן, אָנגענומען מיט מוט, צעוואַרעמט פון שנעלן גאַנג.

פונם שפּיץ זאַמד-באַרג, וואָס איז געשטרייפט געווען מיט זאַמד-כוואַליעס, האָבן זיי דערזען פון דערווייטנס, אויף דעם, ווי אַן עס-טיש גלייכן פלאַכלאַנד, שוואַרצע פלעקן פון אַ גליי-

בער ריי אויסגעצויגענע קעמלען.

אויף די קעמלשע הארבן האבן שווער זיך געוויגט גרויסע פעק.

— גאט האט צוגעשיקט! רחמנות געהאט — האט בארוישט א שעפּטשע געטון דער געשטופּלטער סעקטאנט גוואזדיעוו.

האט יעווסיוקאוו נישט אויסגעהאלטן, אויסגעזידלט:

— גאט?... ווי לאנג דארף מען מיט דיר אײנטענהן, אז ס'איז נישטא קיין גאט, און אז אלץ האט א פיזישע ליניע.

ס'איז אָבער קיין צייט נישט געווען זיך צו שפּארן. אויף באפעל האט מען, שפּרינגנדיק, אָנגעהויבן צו לויפן, באנוצנדיק זיך מיט יעדן פאלד פונם זאמד, מיט יעדן שטיקל קוסט.

זיי האבן ביז וויטאק מיט די פינגער געדריקט די ביקסן: זיי האבן געוווסט, אז מ'טאר נישט, ס'איז אוממעגלעך אפּצוטרעטן, אז צוזאמען מיט די דאזיקע קעמלען קען אוועק די האפענונג, דאס לעבן, די ישועה.

דער קאראוואן האט נישט-געאיילט און רויק זיך דערנענטערט. ס'איז שוין געווען קענטיק סיי די קאלירטע קוטשמעס אויף די קעמלשע רוקנס, סיי די קירגיזן, וואס זיינען געגאנגען אין ווארעמע כאלאטן און וועלפישע היטלען.

א גלאנץ געטון מיט דער מאלינעדיקער קורטקע, איז יעווסיוקאוו אויסגעוואקסן אויפן שפּיץ זאמד-בארג מיט דער ביקס, גרייט צו שיסן. ער האט א ריטש געטון מיט א הילכיקער שטים:

— טאכטא! אויב ס'איז פאראן ביקסן — לעגט זיי אויף דער ערד. נישט באלמוטשעט, אז נישט וועל איך אלעמען ממיתן.

ער האט נישט באוויזן צו ענדיקן, — און שוין האבן זיך א ווארף געטון די קירקיזן אויפן זאמד מיט די הינטנס ארויף.

פארמאטערט פון לויפן, זיינען פון אלע זייטן געשפּרונגען די רויטארמייער.

— צונעמען די קעמלען, — האט געבעוועט יעווסיוקאוו.

פון קאַראַוואַן האָט אָבער פּלוצלונג אַ קלאַפּ געטון, פאַר־הילכנדיק זיין קול, אַ רעגולערער ביקסן־זאַלפּ.

ווי הינטלעך, האָבן אַ וואָיע געטון די צעבייזערטע קוילן, און נעבן יעווסיוקאָוון איז איינער אַ פאַל געטון מיטן קאָפּ אין זאַמד, אויסגעצויגן אומבאַוועגלעך די הענט.

— לייגט זיך!.. רייבט זיי, די טייוואַלים!.. — האָט ווי־דער אַ געשריי געטון יעווסיוקאָוו, זיך וואַרפנדיק אין אַ גריבל. ס'האָט אַ שאָט געטון אַ האָגל פון שאָסן.

פון הינטער די ליגנדיקע קעמלען האָבן געשאָסן אומבאַ־קאַנטע מענטשן. ס'האָט נישט אויסגעזען, דאָס זאָלן זיין קיר־גיזן. צו טרעפלעך און רעגולער איז געווען דער פייער.

די קוילן זיינען געבליבן שטעקן אין זאַמד, סאַמע ביי די קערפּערס פון די ליגנדיקע רויטאַרמייער.

דער סטעפּ איז געווען פול מיט שיסעריי־קלאַנגען, ביס־לעכווייז איז אָבער די שיסעריי מצד דעם קאַראַוואַן אַנטשוויגן געוואָרן. די רויטאַרמייער האָבן, לויפנדיק, גענומען זיך דער־נענטערן.

שוין אויף אַ מרחק פון דרייסיק טריט, האָט יעווסיוקאָוו באַמערקט הינטער אַ קעמל — אַ קאָפּ אין אַ פוטערנעם היטל מיט אַ ווייסן באַשליק, און הינטער אים אַן אַקסל און אויפן אַקסל אַ גאָלדן בענדל.

— מאַריוטקאַ! קוק! אַן אָפיציר! — האָט ער אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו דער פון הינטן קריכנדיקער מאַריוטקע.

— איך זע.

נישט געאיילט, האָט זי אָנגעשטעלט דעם ביקס. ס'איז געפאַלן אַ שאָס.

צי די פינגער זיינען ביי מאַריוטקאַן פאַרפרוירן געווען, צי זיי האָבן געציטערט פון אויפרעגונג און לויפן, זי האָט אָבער נאָר באַוויזן אַ זאָג צו טון: — איינאונפערציקסטער, אַ רוח אין די פּיש! — ווי פון הינטערן קעמל האָט זיך אויפ־

געהויבן דער מאַן אין ווייסן באַשליק און אין אַ בלויען פעלצל און אויפגעהויבן הויך זיין ביקס. אויפן שפּיז האָט געפלאַטערט אַן אַרויפגעשטעקט ווייס טיכל.

מאַריוטקאַ האָט אַ וואָרף געטון דעם ביקס אין זאַמד און זיך פאַנאַנדערגעוויינט, צעשמירנדיק די טרערן איבער דעם צעפלאַצטן, ברודיקן פּנים.

יעווסיוקאָוו איז צוגעלאָפן צום אָפיציר. פון הינטן האָט אים איבערגעיאָגט אַ רויטאַרמייער, פאַרמעסטנדיק זיך בעתן לויפן מיטן שפּיז, כדי זיכערער דורכצושטעכן.

— ריר נישט!... נעם לעבעדיקערהייט, — האָט באַפוילן דער קאָמיסאַר.

דעם מאַן אין בלויען פעלצל האָט מען געכאַפּט, אומגעוואָרפן אויף דר׳ערד.

פינף זייערע, וואָס זיינען געווען מיטן אָפיציר, האָבן זיך שוין פון הינטער די קעמלען נישט אויפגעהויבן, דערהרגעט פונם שטעכעדיקן בליי.

די רויטאַרמייער האָבן, לאַכנדיק און זידלענדיק, געשלעפּט די קעמלען פאַר די רינגען, וואָס זיינען געווען דורכגענומען דורך זייערע נאָזלעכער, און זיי צוגעפגעבינדן צו עטלעכע מיטאַמאָל.

די קירגיזן זיינען נאָכגעלאָפן נאָך יעווסיוקאָוון, געדרייט מיט די הינטנס, געכאַפּט אים פאַר דער קורטקע, פאַר די עלנבויגנס, הויזן, פּעק, — געשטאַמלט, פאַרקוקנדיק אים אין פּנים אַריין מיט די טרויעריקע שמאָלע אויגן-שפּאַרונעס. דער קאָמיסאַר האָט זיי אָפּגעטריבן, איז אַנטלאָפן, געווילדעוועט און, אַליין זיך קרימענדיק פאַר רחמנות, געשטופּט מיטן נאַגאַן אין די פלאַכע בעזער, אין די צעשפּאָלטענע, שאַרפע סקולן.

— טאָכטאַ, טייוולשער שבט! טשעפּעט זיך אָפּ! ס׳וועט נישט העלפן קיין טענות!

אַן אַלטער, מיט אַ גרויער באָרד, אין אַ פיינעם פוטער,

האָט אָנגעכאַפּט יעווסיוקאָוון פאַרן גאַרטל. ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן שנעל-שנעל, חניפהדיק, פליסטערנדיק:

— אוי-באַי... שלעכט געטיילט... קירגיז פון קעמל דאַרף לעבן. קירגיז אָן קעמל גיין שטאַרבן... דיינער, באַי, אַזוי נישט טון. דיינער געלט וויל — אונדזער גיט. זילבערנע געלט, צאַרישע געלט... קירענקאַ-פּאַפּיר... זאָג, וויפל דיינער געבן, קעמל צוריק גיב?

— פאַרשטיי-זשע, דו דעמבענער קאָפּ, אַז אָן קעמלען קומט אונדז אויך איצט אויס צו פּגרן. איך רויב דאָך נישט, נאָר איך נעם זיי צוליב רעוואָלוציאָנערער נויטווענדיקייט, צייטווייליק צו באַנוצן, איר וועט צו אייערע דערגיין צופוס, פאַר אונדז אָבער איז עס אַ טויט.

— אוי-באַי... נישט גוט. גיב אָפּ קעמל, נעם די משא, קירענקעס נעם, — האָט דאָס זייניקע געטענהט דער קירגיז.

יעווסיוקאָוו האָט זיך אַרויסגעריסן.

— גיי צום טייוול! געזאָגט און אַ סוף. אָן טענות. נעם אַ קבלה, און פאַרטיק.

ער האָט אַריינגעשטופּט דעם קירגיז אַ קבלה, אָנגעשריבן מיט אַ כימישן בלייער אויף אַ שטיקל צייטונג-פּאַפּיר. דער קירגיז האָט די קבלה אַ וואָרף געטון אין זאַמד, ער איז אומגעפאַלן, צוגעדעקט דאָס פּנים און אָנגעהויבן צו וואָיען. די איבעריקע זיינען געשטאַנען שווייגנדיק, און אין די קרומע שוואַרצע אויגן האָבן בײַ זיי געציטערט שווייגנדיקע טראָפּנס.

יעווסיוקאָוו האָט זיך אָפּגעדרייט און זיך דערמאָנט אָן דעם געפאַנגענעם אָפיציר. ער האָט אים דערזען צווישן צוויי רויטאַרמייער. דער אָפיציר איז געשטאַנען רויק, לייכט אַרויסגערוקט די רעכטע פוס מיטן הויכן שוועדישן וואָילאָק-שטיוול, און האָט גערויכערט, איראָניש קוקנדיק אויפן קאָמיסאַר.

— ווער ביסטו? — האָט אַ פרעג געטון דער קאָמיסאַר.

— גוואַרדיע-פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ-אָטראָק. און דו ווער

ביסט ? — האָט אַ פרעג געטון דער אָפיציר, אַרויסלאָזנדיק אַ קנויל רויך.

און ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

און ווען ער האָט אַ קוק-געטון אין הי פּנימער פון די רויטאַרמייער, האָט יעווסיוקאָוו און אויך די אַלע אַנדערע דערזען, אַז די שוואַרצאַפּלען ביים פּאָרוטשניק זיינען בלויע-בלויע, אַזוי ווי ס׳וואָלטן אין ווייס-שנייקן זייף-שוים געשווומען קיילעכלעך פון ערשטקלאַסיקער פראַנצויזישער אולטראַמאַרין.

קאַפּיטל דריי.

חעגן אייניקע אומבאַקוועמלעכקייטן אַרומצוריידן איבער מיטל-אַזיע אָן קעמלען און וועגן די איינדורקן פו: קאָלומבוסעם מיטרייזנדע.

דער איינאונפערציקסטער האָט, אין מאַריוטקאַס רעגיסטער, געזאָלט זיין דער גוואַרדיע-פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ-אָטראָק.

צי צוליב דער קעלט, צי צוליב אויפרעגונג, האָט מאַריוטקא נישט געטראָפן.

און דער פּאָרוטשניק איז געבליבן אויף דער וועלט, ווי אַן איבעריקער ציפער אין דער צאָל פון די לעבעדיקע.

אויף יעווסיוקאָווס באַפעל האָט מען דעם געפאַנגענעם אויסגעקערט די קעשענעס און אין דעם זאַמשענעם פרענטש זיינעם, אויף דער פּלייצע, האָט מען געפונען אַ באַהאַלטענע קעשענע.

האָט דער פּאָרוטשניק זיך אַ ריס-געטון, ווי אַ סטעפּישער זשרעבאַק, ווען אַ רויטאַרמייערישע האַנט האָט אָנגעטאַפּט די

קעשענע; מ׳האָט אים אָבער פעסט געהאַלטן, און נאָר דאָס ציטערן פון זיינע ליפּן און זיין בלאַס ווערן, האָט אויסגעגעבן זיין אויפרעגונג און פאַרלאָרנקייט.

דעם באַקומענעם לייוונטענעם פעקל האָט יעווסיוקאָוו פּאָרזיכטיק פאַנאַנדערגעוויקלט אויף זיין פעלד-טאַש און, אָן אויפהער איינעסנדיק זיך מיט די אויגן, האָט ער איבערגעלייענט די דאָקומענטן. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און זיך פאַרטראַכט.

אין די דאָקומענטן איז געווען באַצייכנט, אַז דער גוואַרדיע-פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ-אָטראָק, וואַדים ניקאָלאַיעס זון, איז באַפולמעכטיקט דורך דעם איבער-פאַרוואַלטער פון רוסלאַנד, אַדמיראַל קאָלטשאַק, צו רעפּרעזענטירן זיין פּערזאָן ביי דעניקינס רעגירונג פון יענער זייט קאַספּישן ים.

די געהיימע אויפטראַגן,—איז געווען געזאָגט אין בריוו,— דאַרף דער פּאָרוטשניק מינדלעך איבערגעבן דעם גענעראַל דראָצענקא.

צונויפגעלעגט די דאָקומענטן, האָט יעווסיוקאָוו זיי זאָרגעוודיק אַריינגערוקט הינטערן בוזעם און אַ פרעג געטון דעם פּאָרוטשניק:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ געהיימע שליחות, הער אָפיציר? איר מוזט אונדז דערציילן אַלץ, נישט פאַרשווייגנדיק גאָרנישט, ווייל איר זיינט אין געפאַנגענשאַפט ביי די רויטע קעמפער, און איך בין דער אָנפירער, קאָמיסאַר אַרסעני יעווסיוקאָוו.

דער פּאָרוטשניק האָט אָנגעקוקט יעווסיוקאָוון מיט זיינע בלויעכצדיקע אויגן. ער האָט אַ שמייכל געטון און בשעת-מעשה אַ שאַר געטון מיט דער פוס.

— מסיע יעווסיוקאָוו?... זייער אַנגענעם אייך צו באַקענען! ליידער, האָב איך נישט קיין פולמאַכטן פון מיין רעגירונג דיפּלאָמאַטיש צו אונטערהאַנדלען מיט אַזאַ מערקווירדיקער פּערזענלעכקייט.

יעוסיוקאָווס זומערשפּרענקלעך זיינען געוואָרן ווייסער פון זיין פּנים. אין דער קעגנוואַרט פון דער גאַנצער אָפּטיילונג האָט דער פּאָרוטשניק אים אין די אויגן געלאַכט פון אים. דער קאָמיסאַר האָט אַרויסגעשלעפּט דעם נאַגאַן.

— דו, ווייסע מילב! מאַך זיך נישט צו נאַר! אָדער דערציילט — אָדער דו באַקומסט אַ קויל.

דער פּאָרוטשניק האָט אַ קוועטש געטון מיט די אַקסלען.

— אַ געטש ביסטו, כאָטש אַ קאָמיסאַר! אויב דו וועסט דערהרגענען — וועסטו בכלל זיך גאָרנישט דערוויסן.

דער קאָמיסאַר האָט אַראָפּגעלאָזט דעם רעוואָלווער און זיך איסגעזידלט:

— איך וועל דיך צווינגען צו טאַנצן, דהינטישע פלייש דיינע. דו וועסט שוין ביי מיר זינגען, — האָט ער אַ בורטשע געטון.

דער פּאָרוטשניק האָט מיט די ליפּן-ווינקלען אַ שמייכל געטון. יעוסיוקאָוו האָט אַ שפּיי געטון און איז אָפּגעטראָטן.

— ווי זאָל זיין, חבר קאָמיסאַר? שיקן אין גן-עדן אַריין, צי ווי? — האָט אַ פרעג-געטון אַ רויטאַרמייער.

דער קאָמיסאַר האָט אַ קראַץ געטון מיטן נאָגל דעם אָפּגעשיילטן נאָז.

— ניין... ס'טויג נישט. ס'איז אַ נישקשהדיקע צרה. מען דאַרף אין קאַזאַלינסק צושטעלן. דאָרטן אין שטאַב וועט מען פון אים אַלע דערקלערונגען אַרויסציען.

— ווּהין נאָך זאָלן מיר אים, דעם טייוול שלעפּן? הלוואי זאָלן מיר אַליין דערגיין!

— אָפּיצירן האָט מען אָנגעהויבן ווערבירן, צי וואָס?

יעוסיוקאָוו האָט אויסגעגלייכט זיין ברוסט און האָט אַ ברום געטון:

— דיין עסק? אַגב בעם — בין איך פאַראַנטוואָרטלעך. דו הערסט!

אויסדרייענדיק זיך, האָט ער דערזען מאַריוטקען.

— אָט, מאַריוטקאַ! איך גיב דיר איבער דעם פּריץ, גיב גוט אַכטונג. וועסט אַרויסלאָזן, וועל איך פּאַסן פון דיר שניידן!

מאַריוטקא האָט שווייגנדיק אַרויפגעוואָרפן דעם ביקס אויפן אַקסל. זי איז צוגעגאַנגען צום געפאַנגענעם.

— קום נאָר אַהער. וועסט זיין אונטער מיין וואַך. זאָלסט נאָר נישט מיינען, אַז ווייל איך בין אַ באַבע, קאָן מען פון מיר אַנטלויפן. אויף דרייהונדערט טריט אין מיטן לויפן וועל איך דיך אוועקלעגן. איינמאָל האָב איך נישט געטראָפן, אויף אַ צווייט מאָל זאָלסטו זיך נישט ריכטן, פיש-כאָליערע.

דער פאָרוטשניק האָט אַ דריי געטון מיט די אויגן, אַ ציטער געטון פון געלעכטער און האָט פיין זיך אַ נויג געטון.

— איך בין אַנטציקט צו זיין אין געפאַנגענשאַפט ביי אַזאַ פּרעכטיקער אַמאַזאָנקע.

— וואָס?.. וואָס נאָך פּלאַפּלסטו? — האָט פאַמעלעך אַ זאָג געטון מאַריוטקאַ, באַוואָרפנדיק דעם פאָרוטשניק מיט אַ שמע-טערנדיקן בליק. — שאַנטראַפּע! מסתמא, חוץ פּאַדעקאַטר טאַנצן, טויגסטו צו גאָרנישט? האָק נישט קיין טשייניק! ריר זיך מיט די קאָפּיטעס! מאַרש פאָרויס!

אין יענעם טאָג האָבן זיי גענעכטיקט אויף אַ ברעג פון אַ קליינער אָזיערע. פון אונטערן אייז האָט די געזאַלצענע וואַ-סער געשטונקען מיט שימל און יאָד.

מ'איז גוט געשלאָפן. פון די קירגיזישע קעמלען האָט מען אַראָפּגענומען די קוטשמעס און טעפּיכער, מ'האָט זיך אַרומ-געוויקלט און איינגעדעקט — וואַרעם, אַ מחיה. דעם גוואַרדיע-פאָ-רוטשניק האָט מאַריוטקאַ אויף ביינאַכט שטאַרק צונויפגעבונדן די הענט און די פיס מיט אַ שנור פון אַ קעמל, אַרומגעוויקלט דעם שנור אַרום קערפּער און דעם עק צוגעפעסטיקט זיך צו דער האַנט. אַרום האָט מען געהירזשעט. דער רויטאַרמייער סעמיאַנני האָט אַ געשריי געטון:

— קוקט, חברה, — מאַריוטקאַ בינדט־צו דעם געליבטן מיט ליבע־קרייטעכצער!

מאַריוטקאַ האָט אַ פיר געטון מיט די אויגן איבער די לאַכנדיקע.

— הערט אויף צו לאַכן, פיש־כאָליערע! און אויב ער וועט אַנטלויפן?

— נאַר! וואָס, צווייי קעפּ האָט ער? וווהין וועט ער לויפן, אין די זאַמדן?

— אין די זאַמדן, צי נישט אין די זאַמדן, נאָר אַזוי איז זיכערער. שלאָף־זשע, דו כאָליערעדיקער קאַוואַליער.

מאַריוטקאַ האָט אַ שטופּ געטון דעם פּאָרוטשניק אונטער אַ קוטשמע, אַליין האָט זי זיך צוגעלעגט ביי דער זייט.

ס'איז גוט צו שלאָפן אונטער אַ וואָלענער קוטשמע, אונטער אַווייכן וואָילאָק. ס'שמעקט פון וואָליאָק מיט דער סטעפּישער תּמוזדיקער היץ, מיט דער רחבות פון אומענדלעכע זאַמד־קערנער.

כראָפּעט אונטער אַ טעפּיך יעוּוסיוקאָוו, אַ טרוימערישער שמייכל רוט אויף מאַריוטקען און, שטייף אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע, פאַרביסן די דינע, שיין־אויסגעשניצטע ליפּן, שלאָפט דער גוואַרדיע־פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ־אָטראָק.

דער וועכטער נאָר שלאָפט נישט. ער זיצט אויפן ברעג פון אַ קוטשמע, אויף די קני דער נישט־צעשיידבאַרער ביקס, וואָס איז אים נענטער פון אַ ווייב און געליבטער. ער קוקט אין דער וויסלעכער שנייאיקער פינסטערניש, ווו ס'קלינגען שטיל די גלעקלעך פון די קעמלען. פיראונפערציק קעמלען זיינען איצט פאַראַן. דער וועג איז אַ גלייכער, כאָטש אַ שווערער. נישטאָ שוין קיין צווייפל אין די רויטאַרמייאישע הערצער.

עס רייסט, עס פאַרגייט־זיך מיט פּייפערייען דער ווינט, ער רייסט זיך אַריין צוזאַמען מיט שנייעלעך אין וועכטערס אַרבל. טוליעט זיך דער וועכטער, הויבט אויף דעם ברעג פון

דער קוטשמע, פֿאַרוואָרפֿט זי אויף דער פּלייצע. מיטאַמאָל הערן־אויף צו שטעכן די אייזיקע מעסערס, ס׳צעוואַרעמט זיך דער פֿאַרשטאַרטער קערפּער.

שניי, טריבקייט, קערנדיקע זאַמדן.

אַ טרויעריק אַזיאַטיש לאַנד.

. . . .

— ווו זיינען די קעמלען?.. די קעמלען, אין דיין מאַמען אַריין!.. פֿאַרשאָלטענער.. געשטופּלטער מנוול! שלאָפֿן?.. שלאָפֿן?.. וואָס ד׳האָסטו אָנגעבריעט, פּאַסקודניק? די קישקעס וועל איך דיר אַרויסלאָזן!

ביים וועכטער האָט זיך דער קאָפּ פֿאַרדרייט פֿון אַ שרעקלעכן קלאַפּ מיטן שטיוול אין זייט. טריב פֿירט ער מיט די אויגן.

שניי און טריבקייט. אַ פֿינסטערער פֿאַרנעפּלטער פֿרימאָרגן. קערנדיקע זאַמדן. נישטאָ די קעמלען.

דאָרט, ווו די קעמלען האָבן זיך געפּאַשעט זיינען געבליבן נאָר שפּורן פֿון קעמלשע און מענטשישע טריט. שפּורן פֿון שפּיציקע קירגיזער שיך.

עס זיינען מסתּמא אַ גאַנצע נאַכט בגנבֿה גאָכגעגאַנגען דריי קירגיזן נאָך דער אָפּטיילונג, און ווען דער וועכטער איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן, האָבן זיי אַוועקגעטריבן די קעמלען.

פֿאַרזאַמלט אין אַ גרופּע, שווייגן די רויטאַרמייער. נישטאָ די קעמלען. ווו נאָכיאָגן? זיי וועלן נישט דעריאָגן, שוין נישט געפֿינען אין די זאַמדן.

— דערשיסן דיך, דעם הינטישן זון, איז קנאַפּ! — האָט יעווסיוקאָוו אַ זאָג געטון צום וועכטער.

שווייגט דער וועכטער, נאָר טרערן זיינען איבער אין די ברעמען פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אין קריסטאָלן.

האָט זיך אַרויסגעדרייט פֿון אונטער דער קוטשמע דער פֿאַרוטשניק. אַ קוק געגעבן, אַ פֿייף געטון און אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל:

— אַ סאָוויעטישע דיסציפּלין! דרענגער פון זיין ליבן נאָמען!

— שוויג כאָטש דו, גנידע! — האָט ווילד זיך אַ ביי-זער געטון יעווסיוקאָוו און, ווי מיט אַ פרעמדן, הילצערנעם גע-פּליסטער, האָט ער אַ וואָרף געטון: — נו, וואָס וועלן מיר שטיין? לאָמיר גיין, ברידער!

. . . .

עלף, איינער הינטער דעם אַנדערן, אין שמאַטעס, פּאַלב-דיק פון די פיס, זיינען געקראָכן איבער די פליענדיקע זאַמד-בערג.

צען האָבן געלאָזן זייערע ביינער אויפן וועג.

אינדערפרי האָבן די אויגן, טריב פון שוואַכקייט, זיך געעפנט צום לעצטן מאָל, די געשוואָלענע פיס זיינען פאַרגלי-ווערט געוואָרן, ווי די אומבאַוועגלעכע קלעצער, אָנשטאָט אַ שטימע האָט זיך געריסן אַ פאַרשטיקט כריפּען.

איז צוגעגאַנגען צום ליגנדיקן דער מאַלינע-רויטער יעוו-סיוקאָוו, דאָס קאָמיסאַרישע פּנים איז אָבער שוין נישט געווען פון דעמזעלבן קאָליר, וואָס די קורטקע. ס׳איז געוואָרן אויס-געטריקנט, גרוי, און די זומערשפּרענקעלעך אויף אים האָבן אויסגעזען, ווי אַלטע, קופּערנע גראָשנס. ער האָט געקוקט, גע-שאָקלט מיטן קאָפּ.

דערנאָך האָט די אייזיקע לאָך פון יעווסיוקאָווס נאַגאַן אָפּגעבריט דעם איינגעפאַלענעם שלייף, איבערלאָזנדיק אַ כמעט אָנבלוטיקע וווּנד מיט שוואַרץ-געוואָרענע ברעגעס.

אויף שנעל האָט מען צוגעשאָטן מיט זאַמד און מ׳איז געגאַנגען ווייטער.

זיינען צעריסן געוואָרן די קורטקעס און הויזן, האָבן זיך צעשאָטן אויף שמאַטעס די שטיוול. האָט מען אַרומגעוויקלט די פיס מיט שטיקלעך קוטשמעס, פאַרוויקלט מיט שמאַטעס די אָפּ-געפרוירענע פינגער.

צען גייען, פאַלנדיק פון די פיס, שאָקלענדיק זיך פון ווינט. איינער נאָר גייט גלייך, רויק.

דער גוואַרדיע-פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ-אָטראָק.

נישט איינמאָל האָבן די רויטאַרמייער געטענהט צו יעווסיקאָוון:

— חבר קאָמיסאַר! פאַרוואָס זאָלן מיר אים אַזוי לאַנג שלעפּן? אומזיסט-אומנישט פרעסט ער נאָר אַ פּאָרציע. חוצדעם, די אָנטועכץ און שוכוואַרג זיינען ביי אים גוטע. מ׳קאָן צעטיילן.

יעווסיקאָוו האָט אָבער פאַרווערט צו רירן דעם פּאָרוטשניק.

— אין שטאַב וועל איך צושטעלן, — אָדער מיט אים צוזאַמען פּגרן. ער קאָן אַ סך דערציילן. מ׳טאָר נישט אַזאַ מענטש גלאַט אַזוי הרגענען. פון זיין גורל וועט ער נישט אַנטלויפן.

די הענט ביים פּאָרוטשניק זיינען צונויפגעבונדן אין די עלנבויגנס מיט אַ שטריק, און דער עק פונם שטריק איז ביי מאַריוטקען הינטערן גאַרטל. קוים וואָס זי גייט, מאַריוטקאַ. אויף דעם שניי-בלאַסן פּנים האָט זיך נאָר אָפּגעשלאָגן די קעצישע געלקייט פון די גרעסער-געוואָרענע אויגן.

און דער פּאָרוטשניק — אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. ער איז נאָר אַ ביסל בלאַס געוואָרן.

איז אַמאָל צו אים צוגעגאַנגען יעווסיקאָוו, אַ קוק געטון אין די בלויעכצדיקע קייקעלעך, אַרויסגעברומט מיט אַ הייזעריקן בילן:

— דער טייוול ווייסט דיך! האָסט אַ נשמה יתירה, צי וואָס? זעסט אויס אַזוי מיזערנע, און שלעפּסט פאַר צווייען. פון וואָס נעמט זיך ביי דיר אַזאַ כּוח?

אויף דעם פּאָרוטשניקס ליפּן האָט זיך באַוויזן זיין שטענדיקער שמייכל. רויק האָט ער געענטפערט:

— דו וועסט נישט פאַרשטיין. אַן אונטערשייד פון קולטורן. ביי דיר אונטערדריקט דער קערפּער דעם גייסט, און

ביי מיר הערשט נייסס גיבט דעם קערפער אין קאָן זין באַסעלן. נישט צו ליידן.

— אָט וואָס. — האָט באַמערקט דער קאָמיסאַר

ביי די זייטן האָבן זיך געהייבן זאמד-בערג, ווייכע, זיך שיטנדיקע, כוואַליעדיקע. אויף זייערע שפּיצן האָט דער ווינט מיט אַ פּייפערײ געשלענגלט דעם זאמד און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'וועט קיינמאָל קיין סוף נישט נעמען צו די בערג

זיי זיינען געפאַלן אין זאמד. קריצנדיק מיט די ציין זיי האָבן פאַרשטיקט געוואָיעט:

— כ'וועל ווייטער נישט זיין לאָזט שטאַרבן נישט קיין כוחות

איז צוגעגאַנגען יעווסייקאָוו. מיט קללות און קלעפּ געשטעלט זיי אויף די פיס:

— קום! פאַר דער רעוואָלוציע קען מען נישט אַנטלויפן

אויפגעהויבן זיך. געגאַנגען ווייטער. איז איינער אַרויפגעקראָכן אויף אַ שפּיץ זאמד-באַרג. אויסדרייענדיק זיך, האָט ער געוויזן אַ ווילד-אויסגעקרומט פנים און אַ וואָיע געטון:

— אַראָל !.. ברידער !.

און איז אַנידערגעפאַלן אויפן פנים. יעווסיקאָוו איז מיט דער לעצטער אָנשטרענגונג אַרויפגעלאָפן אויפן זאַמד-באַרג. אַ בלענדנדיקע בלויקייט האָט אַ שלאָג געטון אין די צעהיצטע אויגן. ער האָט זיי אַ זשמורע געטון, אַ דראַפּע געטון דעם זאמד מיט די אויסגעקרומטע פינגער.

דער קאָמיסאַר האָט נישט געוווּסט וועגן קאָלומבוסן און וועגן דעם, אַז אַזוי האָבן געקראַצט מיט די פינגער דעם דעק פון זעגל-שיף די שפּאַנישע שיף-לייט ביים געשריי: ע ר ד.

קאַפּיטל פיר.

אין חעלבן עס פאַרקניפּט זיך דער ערשטער שמועס צווישן מאַריוטקען מיטן פּאָרוטשניק און דער קאָמיסאַר ריכט=אוים אַ ים=עקספּעדיציע.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אויפן ברעג זיך אָנגעשטויסן אָן אַ קירגיזישן אַאול.

לכתחלה האָט אַ שלאָג-געטון פון הינטעו די זאַמד-בערג אַ שאַרפער גערוך פון ברענענדיק מיסט, און פונם ריח האָט אַ דריק-געטון אין די מאָגנס מיט אַ ווייטאָקדיקער ספּאַזמע.

ס'זיינען קענטיק געוואָרן פון דערווייטנס די געלע קייַלעכדיקע קופּאָלן פון די יורטעס, און מיט אַ ריטשעריי האָבן זיך געלאָזט אַנטקעגן קליינוווקסיקע הינטלעך מיט באַוואָקסע-נע פּיס.

די קירגיזן האָבן זיך געשטופּט בײַ די יורטעס, מיט פאַר-וווּנדערונג און רחמנות געקוקט אויף די אָנגעקומענע, אויף די ציטערנדיקע מענטשלעכע שאָטנס.

אַ זקן מיט אַן איינגעקוועטשטער נאָז האָט פריער אַ גלעט געטון דאָס שיטערע בערדל, דערנאָך די ברוסט. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— שלום עליכם. וווהין גייסטו, טיוראַ?

יעווסיוקאָוו האָט שוואַך אַ דריק-געטון זיין שטייפע, חי אַ ברעטל האַרטע האַנט.

— מיר זיינען רויטע. מיר גייען קיין קאַזאַלינסק, נעם-אויף, באַלעבאָס, גיב צו עסן. דער סאָוויעט וועט דיר פאַר אונדז ראַנקבאַר זיין.

דער קירגיז האָט אַ שאָקל געטון מיטן בערדל, אַ צמאָקע געטון מיט די ליפּן:

— אוי-באַי... רויטער אַסקער. באַלשאַק. דער צענטער גע-קומען ?

— נישט טיוראַ ! מיר זיינען נישט פון צענטער, מיר וואַנדערן פון גוריעוו.

— גוריעוו ? אוי-באַי... קאַראַ-קום דורכגעגאַנגען?

אין די קירגיזישע אויגן-שפּאַרונקעס האָט אַ פינקל-געטון שרעק און דרך-ארץ צום אָפּגעקראָכענעם מאַלינע-רויטן מענטשן, וואָס איז אין אַזאַ פראָסט דורכגעגאַנגען צופוס די שרעקלעכע קאַראַ-קום פון גוריעוו ביז אַראַל.

דער אַלטער האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט. דערנאָך אַ מורמל געטון צו די אָנגעלאָפענע פרויען.

ער האָט אַ נעם געטון העם קאָמיסאַר פאַר דער האַנט :

— גיי, טיוראַ, אין קיביטקע (בויד). שלאָף ווייניק-ווייניק. אויסשלאָפן — פּילאַוו עסן.

זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון, ווי האַלב-טויטע פעק, אין דער רויכערדיקער וואַרעמקייט פון די יורטעס, געשלאָפן אָן באַוועגונג ביז פאַרנאַכט. די קירגיזן האָבן אַנגעקאָכט פּילאַוו, מכבד געווען, גלעטנדיק פריינטלעך די רויטאַרמייער איבער די אַרויסשטעקנדיקע שפּיציקע לאַפּאַטקעס.

— עס, טיוראַ, עס ! דיינער אַ ביסל געפּגרט. עס — זיין געזונט.

זיי האָבן געגעסן זשעדנע, שנעל, ווערגנדיק זיך. די בייכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן פון פעטן פּילאַוו און אַ סך האָט געבליבן איבערן טאָפּ. זיי זיינען אָפּגעלאָפן אין סטעפּ-אַריין, מיט די ציטערנדיקע פינגער זיינען זיי געקראָכן אין האַלדז אַריין, זיי האָבן זיך גרינגער געמאַכט און ווידער זיך געוואָרפן צו דער אַכילה. אויסגעמאַטערטע און צעוואָרעמטע. זיינען זיי ווידער אַנטשלאָפן געוואָרן.

נישט געשלאָפן זיינען נאָר מאַריוטקאַ און דער פּאַ-רוטשניק.

איז געזעסן מאַריוסקאַ בײַ די גליענדיקע קוילן, און שוין נישט געדענקט װעגן די פאַרגאַנגענע צרות.

אַרויסשלעפנדיק פון טאַש דאָס באַהאַלטענע שטיקל בלײַפעדער, האָט זי גענומען שרײַבן אותיות אויף אַ בויגן פון אַן אילוסטרירטער בײַלאַגע צו „נאָוואָיע װרעמיאַ“. װאָס זי דהאָט אויסגעבעטן בײַ אַ קירגיז. אויפן בויגן איז געװען אָפּגעדרוקט דער פּאָרטרעט פון דעם פינאַנס־מיניסטער גראַף קאָקאָווצעװ, און איבער קאָקאָװצעװס הויכן שטערן און זײַן העל בערדל האָבן זיך אין דער ברייט געלעגט מאַריוטקעס שורות.

און אַרום מאַריוטקעס גאַרטל איז, װי פריער, געװען ארומגעדרייט דעם קעמלשער שנור, װעלכער האָט מיטן צווייטן עק געהאַלטן פעסט צוגעבונדן אויפן אָקסל דעם פּאָרוטשניקס הענט.

נאָר אויף אַ שעה האָט מאַריוטקאַ פונאַנדערגעבונדן דעם שנור, כדי דער פּאָרוטשניק זאָל קאָנען זיך אָנעסן מיט פּילאָװ, אָבער װי־נאָר ער איז אָפּגעטראָטן פון קעסל, האָט זי אים צוריק צוגעבונדן.

די רויטאַרמייער האָבן חוזק געמאַכט:

— פיו, װי אַ הונט אויף דער קייט.

— ביסט אַרײַנגעפאַלן, מאַריוטקאַ? בינד, בינד דעם ליבינקן. אויב נישט — קאָן, נישט אויסגערעדט זאָל זײַן, קומען צופליען אויף אַן אַליין־פליענדיקן דיװאַן מאַריאַ, די ים־פּרינצעסן, און דיר צוגנבענען דעם געליבטן.

מאַריוטקאַ דהאָט נישט באַװיליקט צו ענטפערן.

דער פּאָרוטשניק איז געזעסן אָנגעשפּאַרט מיט אַן אָקסל צו דעם סלופּ פון דער יורטע. ער האָט פאַרפאָלגט מיט די בלויעכצדיקע אויגן־קייקעלעך די שװערע, אָנגעשטרענגטע באַװעגונגען פון דעם בלײַפעדער.

ער האָט זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַ בויג געטאָן פאָרויס און שטיל אַ פרעג געטון:

— וואָס שרייבסטו!

מאַריוטקאַ האָט אַ קוק געטון פֿון דעו זייט. פֿון אונטער דער אַרויסגעקראָכענער, געלעו פֿאַסמע האָר.

— דיין דאַגה?

— אפשר דאַרפסטו אָנשרייבן אַ בריוו צו ריקטיר. — וועל איך אָנשרייבן.

מאַריוטקאַ האָט זיך שטיל פֿאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָט האָסטו דיר אַ חכם! זאָל איך דיר, הייסט עס, די הענט פֿאַנאַנדערבינדן, און דו וועסט מיר געבן איבערן קאָפּ און מאַכן פּיס? נישט געטראָפֿן דעם אָרט, פֿויגעלע, אין דיין הילף נויטיק איך זיך נישט. נישט קיין בריוו שרייב איך, נאָר פּערזן.

דעם פּאָרוטשניקס ברעמען האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעעפֿנט, ווי אַ פֿעכער. ער האָט זיך אָפּגערוקט מיטן אַקסל פֿון סלופּ.

— פּע-ערזן? דו שרייבסט פּע-ערזן?

מאַריוטקאַ האָט איבערגעריסן דאָס טרייסלען מיטן בלייפֿעדער, און איר פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט רויטקייט.

— וואָס ביסטו אַזוי נתפּעל געוואָרן? דו מיינסט, אַז נאָר דו קענסט טאַנצן פּאַ-דעקאַטר און איך בין אַ נאַרישע פּוי-ערטע? נישט נאַרישער פֿון דיר!

דער פּאָרוטשניק האָט אַ ריר-געטון מיט די עלנבויגנס, זיינע דלאָניעס זיינען געבליבן אומבאַוועגלעך.

— איך האַלט דיך נישט פֿאַר קיין נאַר. איך וווּנדער זיך נאָר. איז דען איצט אַ צייט פֿאַר פּערזן?

מאַריוטקאַ האָט איינגאַנצן אָפּגעלעגט דעם בלייפֿעדער. זי האָט אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ, פֿאַנאַנדערשיטנדיק איבער די אַקסלען דעם געלבלעכן בראָנז פֿון אירע האָר.

— אַ מאָדנער פֿאַרשוין — נאָר צו קוקן אויף דיר! לויט דיר דאַרף מען פּערזן שרייבן אונטערן איבערבעט? און אויב דער גייסט ברויזט אין מיר, אויב איך טרוים צו פֿאַרצייכענען

חי מיר האָבן, הונגעריקע און געפרוירענע, זיך געשלעפּט איבער די זאַמדן? אַלץ אַרויסלעגן, אַז ס'זאָל ביים עולם פאַרקלעמען אונטערן האַרצן? מיין גאַנץ בלוט לעג איך אין דעם אַריין. מ'וויל אָבער נישט פאַרשטיין, מ'זאָגט, אַז איך דאַרף מיך לערנען. און ווו וועל איך נעמען צייט זיך צו לערנען? פּראָסט פּשוט, פון האַרצן שרייב איך:

דער פּאָרוטשניק האָט לאַנגזאַם אַ שמייכל געטון.

— דו וואָלסט מיר אפשר איבערגעלייענט! זייער נייגיריק. כ'בין אַ מבין אויף פּערזן.

— דו וועסט נישט פאַרשטיין. דיין בלוט איז פּריציש, גליטשיק. דיר דאַרף מען וועגן בלימעלעך, וועגן ווייבער שרייבן, ביי מיר אָבער איז אַלץ וועגן אָרעמן פאָלק, וועגן דער רע־וואָלוציע, — האָט טרויעריק באַמערקט מאַריוטקא.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט פאַרשטיין? — האָט געענט־פערט דער פּאָרוטשניק. — אפשר וועלן זיי מיר לויטן אינהאַלט זיין פרעמד, איין מענטש דעם צווייטן קען אָבער שטענדיק פאַרשטיין.

נישט אַנטשלאָסן האָט מאַריוטקא איבערגעדרייט קאָקאָווי־צעון מיט די פיס אַרויף. זי האָט זיך פאַרטראַכט.

— נו, כאַפּט דיך דער טייוול. הער אויס! זאָלסט נאָר נישט לאַכן. דיך האָט מסתמא דער טאַטעניו ביז 20 יאָר ביי גוווערנערן געלערנט, איך בין אָבער צו אַלעמען אַליין דער־גאַנגען.

— ניין!... בנאמנות, כ'וועל נישט לאַכן!

— טאָ הער־זשע! דאָ איז אַלץ אויסגעשריבן. ווי מיר האָבן זיך געשלאָגן מיט די קאָזאַקן, ווי מיר זיינען אין סטעפּ אַנטלאָפן.

מאַריוטקא האָט אַ הוסט געטון, אַראָפּגעלאָזט איר שטים ביז אַ באַס, האָט זי געבראָכט און געהאַקט ווערטער, קערנדיג ווילד מיט די אויגן:

ווי די קאָזאַקן האָבן אָנגעגריפן —
די הענקערס פון דע״ צאַרישער סוויטע,
האָבן מיר דורכגעטרייבערט זיי מיט קוילן,
מיר, גבורים פון דער סוויעטער אַרמיי.
זייער אַ סך געווען קאָזאַקן,
געמוזט האָבן מיר אָפּטרעטן.
יעווסיוקאָוו האָט מיט אַ העראָישן אָנגריף
באַפוילן די מחנה דורכרייסן.
מיר האָבן זיי געקלאַפּט פון אַ קוילנוואַרפער,
סיי-ווי זיינען מיר פאַרלאָרן.
די גאַנצע ראָטע אונדזערע געפאַלן,
צוואַנציק זיינען אין סטעפּ אַנטלאָפן...

— און ווייטער גייט בשום אופן נישט, כאָטש פּלאַץ, אַ רוח אין די פּיש, איך ווייס נישט, ווי אַזוי אַריינצושטעלן די קעמלען? — האָט אַ זאָג געטון מאַריוטקא מיט אַ רייסנדי-קער שטים.

אין שאָטן זיינען באַהאַלטן געווען דעם פּאָרוטשניקס בלויע אויגן, אין די ווייסלען האָט זיך פייכט, מיט לילאַ-רעפּ-לעקסן אָפּגעשלאָגן די פּרייכלעכע היץ פונם פייער, בעת דער פּאָרוטשניק האָט נאָך אַ קורצע פּויזע געענטפערט:

— יאָ... פיין! אַ סך עקספּרעסיע, געפיל, פאַרשטייסט? קענטיק, אַז פון האַרץ געשריבן, — דאָ האָט דעם פּאָרוטשניקס קערפּער שטאַרק אַ ציטער געטון און, כלומרשט שלוקערצנדיק, האָט ער שנעל צוגעגעבן: — באַליידיק זיך נישט, נאָר די פּערזן זיינען שלעכטע. נישט באַאַרבעט, אָן קענטעניש.

מאַריוטקאַ האָט טרויעריק אַראָפּגעלאָזן דאָס בלעטל אויף די קני. שווייגנדיק, האָט זי געקוקט אויפן געוועלב פון דער יורטע. זי האָט אַ הויב געטון מיט די אַקסלען.

— איך זאָג טאַקע, אַז זיי זיינען פול מיט געפיל. דאָס גאַנצע אינגעווייד וויינט אין מיר, ווען איך דערצייל וועגן אַלץ. און אַז נישט באַאַרבעט — דאָס זאָגט מען אומעטום,

וואָרט אין וואָרט, ווי די „אייערע לידער זיינען נישט באַאַרבעט, מ'קאָן זיי נישט דרוקן". און ווי אַזוי זיי צו באַאַרבעטן, וואָס פאַר אַ חכמה ליגט אין זיי ? אָט זיינט איר אַן אינטעליגענט, אפשר ווייסט איר ? — אויפגערעגטערהייט האָט מאַר יוטקאַ אַזש איר זיגענומען דעם פּאָרוטשניק.

דער פּאָרוטשניק האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— שווער צו ענטפערן. פּערזן, זעסטו, איז קונסט. און יעדע קונסט פּאָדערט לערע. יעדע האָט זיך איר כּללים און געזעצן. אָט, למשל, אויב אַן אינזשינער וועט נישט וויסן אַלע כּללים, ווי צו בויען אַ בריק, וועט ער אים אָדער אינגאַנצן נישט אויסבויען, אָדער בויען מיאוס און שלעכט.

— דאָס איז דאָך אַ בריק. צו אים דאַרף מען האָבן דורכגעגאַנגען „אַריכמעטיק" און דאָרט די אַלע אינזשעניערישע קונצן. ביי מיר אָבער זיצן פון קינדווייז אָן די לידער אין האַרצן. לאָמיר זאָגן אַ טאַלאַנט ?

— נו, איז וואָס ? אַ טאַלאַנט אַנטוויקלט זיך דורך לערנען. אַן אינזשעניער איז דערפאַר אַן אינזשעניער און נישט קיין דאָקטאָר, ווייל פון געבוירן אָן האָט ער אַ נייגונג צו בויען. און אויב ער וועט זיך נישט לערנען, — וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען.

— אַזוי ?.. אַזאַ עסק איז דאָס. אַ כאָליערע אויף די פיש! נו, אַז מיר וועלן פאַרענדיקן זיך שלאָגן, וועל איך דורכאויס גיין אין אַ שולע, מ'זאָל מיר אויסלערנען שרייבן לידער. ס'זיינען אוודאי דאָ אַזעלכע שולן ?

— ס'דאַרפן זיין, — האָט פאַרטראַכט געענטפערט דער פּאָרוטשניק.

— איך וועל אומבאַדינגט גיין. זיי האָבן מיר אויפגעגעסן מיין לעבן, די דאָזיקע לידער. ס'גאַרט אַזוי די נשמה, מ'זאָל אָפּדרוקן אין אַ ביכל און אומעטום שטעלן אַן אונטערשריפט : „פּערזן פון מאַריאַ באַסאָוואַ".

דאָס פייער איז אויסגעגאַנגען. אין דער פינסטער דאָס געברומט דער ווינט, רייסנדיק דעם וואָלאָק פון דער יורטע.

— הער נאַר, דו, קאַדעט, — האָט פּלוצלונג זיך אָנגע-רופן מאַריוטקאַ: — די הענט טוען דיר שוין מסתּמא וויי?

— נישט שטאַרק! זיי זיינען נאַר פאַרשטאַרט געוואָרן!

— אָט וואָס. גיב מיר אַ שבועה, אַז די וועסט נישט אַנטלויפן, וועל איך דיך אויפבינדן.

— וווהין זאָל איך לויפן? אין ד' זאַמדן! די שאַקאַלן זאָלן צערייסן? איך בין זיך נישט קיין שונא

— ניין, שווער מיר. זאָג מיר נאָך: איך שווער פאַר דער רויטאַרמייערין מאַריאַ באַסאָוואַ ביים אָרעמען פּראָלעטאַר-יאַט, וואָס פאָדערט זיינע רעכט, אַז איך וועל נישט אַנטלויפן.

דער פּאָרוטשניק האָט איבערגעחזרט די שבועה. די אָנ-געצויגענע פעטליע פון שנור האָט זיך פונאַנדערגעבונדן, באַ-פרייט די פאַרלאָפענע הענט. דער פּאָרוטשניק האָט מיט פאַר-געניגן אויסגעגלייכט די פינגער.

— נו, שלאָף, — האָט אַ גענעץ געטון מאַריוטקאַ, — איצט, אַז דו וועסט אַנטלויפן, וועסטו זיין דער ערגסטער מנוול. נאַ-דיר אַ קוטשמע, דעק זיך צו.

— אַ דאַנק, איך וועל מיטן פעלצל. אַ גוטע נאַכט, מאַריאַ...

— פילאָטאָוונאַ, — האָט מיט ווירדע פאַרענדיקט מאַר-יוטקאַ און זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער קוטשמע.

. . . .

יעווסיוקאָוו האָט זיך געאיילט מודיע צו זיין וועגן זיך דעם שטאַב פון פראָנט.

אין אַאול האָט מען זיך געדאַרפט אָפּרוען, אָנוואַרעמען און אָנעסן. אין אַ וואָך אַרום האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן זיך לענג-אויס דעם ברעג, אַרום, צום אַראַלער ישוב, און פון דאָרט צו קאַזאַלינסק.

אין דער צווייטער וואָך האָט דער קאָמיסאַר זיך דער-

וווּסט פון אַ שמועס מיט אָנגעקומענע קירגיזן, אַז פיר וויאָרסט פון אַאול האָט דער הערבסט־קער שטורם אַרויסגעוואָרפן אויפן ברעג פון ים־אויסגוס אַ פישער־שיפל. די קירגיזן האָבן געהאַלטן, אַז דאָס שיפל איז אין אַ גוטן צושטאַנד. עס ליגט אַזוי אויפן ברעג, די פישער זיינען, משמעות, דערטרונקען געוואָרן.

דער קאָמיסאַר איז אַוועק זיך איבערצייגן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שיפל איז כמעט ניי, פון געלן, פעסטן דעמבן־האָלץ. דער שטורעם האָט עס נישט צעשעדיקט. ער האָט נאָר צעריסן דעם זעגל־לייוונט און אַרויסגעריסן דעם רודער.

יעווסיוקאָוו האָט זיך מיישב געווען מיט די רויטאַרמייער און האָט באַשלאָסן אַ טייל עולם תיכף אַוועקשיקן מיטן ים, צום אויסגאַנג פון דעם טייך סיר־דאַריאַ. דאָס שיפל האָט פריי אַריינגענומען פיר מאַן מיט אַ ביסל משא.

— אַזוי איז בעסער, — האָט אַ זאָג געטון דער קאָמיסאַר, — ערשטנס, וועלן מיר, הייסט עס, שנעלער צושטעלן דעם געפאַנגענעם. אויב נישט, ווער ווייסט, וואָס ס'קאָן אונדז ווידער טרעפן אויפן וועג. און אים דאַרף מען אומבאַדינגט דערשלעפן ביזן שטאַב. חוץדעם, אַז מ'וועט זיך אין שטאַב וועגן אונדז דערוויסן, וועט מען אונדז אַנטקעגן צו הילף אַרויסשיקן קאַוואַלעריע מיט קליידער און נאָך עפעס. ביי אַ גינסטיקן ווינט וועט דאָס שיפל אין דריי־פיר טעג דורכשניידן דעם אַראַל, און אויפן פינפטן טאָג דערגרייכן קאַזאַלינסק.

יעווסיוקאָוו האָט אָנגעשריבן אַ ראַפּאָרט און האָט אים איינגעניייט אין אַ לייוונטענעם פּאַקעט צוזאַמען מיט פּאָרוטשניקס דאָקומענטן, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט געהיט אין דער איבערווייניקסטער קעשענע פון דער קורטקע.

די קירגיזקעס האָבן פאַרלאַטעט דעם זעגל־לייוונט מיט שטיקלעך וואָילאָק, דער קאָמיסאַר האָט אַליין פון שטיקלעך ברעטער און פון דער באַנק, וואָס מ'האָט אַרויסגענומען פון

שיפֿל, צונויפֿגעקלאַפּט אַ נייען רודער.

אין אַ פּראַקטיקן ווינטער־פּרימאָרגן, ווען די נידעריקע זון איז ווי אַ פּאָליִרטע מעשענע טאַץ געקראָכן איבער דעם געדיכטן טונקעלן הימל, האָט מען דאָס שיפֿל צוגעשלעפּט ביז צו דער גרענעץ פֿונם אייז.

אַראָפּגעלאָזן דאָס שיפֿל אויפֿן פֿרייען וואַסער, האָט מען איינגעזעצט די שליחים.

יעווסיוקאָוו האָט אַ זאָג געטון צו מאַריוטקען:

— דו וועסט זיין דער עלסטער! אויף דיר ליגט די גאַנצע אחריות. גיב אַכטונג אויפֿן קאַדעט. אויב דו וועסט אים ווי ס׳איז פֿאַרזען, — איז גלייכער, דו זאָלסט גאָרנישט לעבן אויף דער וועלט. צום שטאַב שטעל אים צו, אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן. אויב איר וועט זיך אָבער צופֿעליק זיך אָנשטויסן אויף ווייסע, — זאָלסטו אים קיין לעבעדיקן נישט אַרויסלאָזן. נו, ריר זיך!

קאַפּיטל פֿינף,

איינגאַנצן אַרויסגעגנבעט ביי דניאל דעפֿאָיע, מיט דעם אויסנאַם, וואָס ראָבינזאָנען קומט נישט אויס לאַנג צו וואַרטן אויף פֿרייטיקן.

אַראַל איז נישט קיין פֿריילעכער ים.

פֿלאַכע ברעגן, אויף זיי זאַמדן און בערג.

די אינזלען אויפֿן אַראַל זיינען ווי בלינצעס אויף אַ בראָטפֿאַן, פֿלאַך ביז גלאַנץ, — פֿאַנאַנדערגעשפּרייט אויפֿן וואַסער; קוים וואָס מ׳זעט אַרויס די ברעגעס, און ס׳איז נישטאָ אויף זיי קיין סימן פֿון לעבן.

ניִשט קיין פויגל, ניִשט קיין געוויקס, דעם מענטשס קעגנוואָרט שפּירט מען נאָר זומער-צייט.

דער הויפּט-אינדזל אויפן אַראַל איז באַרסאַ-קעלמעס.

וואָס דער נאָמען באַדייט, איז ניִשט באַוווּסט. נאָר די קירגיזן זאָגן, אַז — „מענטשנס אומקום“.

זומער-צייט פאָרן די פּישער פון אַראַלער ישוב צום אינדזל-צו. אַ רייכער פיש-פאַנג ביי באַרסאַ-קעלמעס, ס׳זידט אַזש דאָס וואַסער פונם פיש-גאַנג.

אָבער, ווען ס׳הויבן-אָן ריטשען, ווי צעווילדעוועטע האָזן, די הערבסטיקע ים-כוואַליעס, ראַטעווען זיך די פּישער איבערן שטילן ים-בוזעם פון אַראַלער ישוב און ביז פרילינג שטעקן זיי ניִשט אַרויס די נאָז.

אויב זיי באַווייזן ניִשט ביז די שטורעמס אַראָפּצופירן פון אינדזל דעם גאַנצן פיש-פאַנג, בלייבן די איבערגעבליבענע פיש ווינטערן, אין פאַרזאַלצענע קופעס, אין הילצערנע, לופטיקע שטאַלן.

אין די פראָסטיקע ווינטערס, בעת דער ים ווערט פאַרפרוירן פון דער טשערנישעווער בוכטע אַזש ביז באַרס,—ויינען זיך מחיה די פוקסן. דורכן אייז קומען זיי צולויפן אויפן אינדזלפרעסן זיך אַווי אָן מיט די פאַרשידענע געזאַלצענע פיש, אַז זיי פגרן אויפן אָרט.

און דעמאָלט, אומקערנדיק זיך פרילינג-צייט, ווען סיר-דאַריע ברעכט איין די אייזיקע שאָל מיט דער געלער, ליימיקער וואַסער-פאַרפלייצונג, געפינען די פישערס שוין גאָרנישט פון די אין הערבסט איבערגעלאָזענע איינגעזאַלצענע זאַפּאַסן.

ס׳ריטשען און יאָגן זיך איבערן ים די וואַסער-כוואַליעס פון נאָוועמבער ביז פעברואַר. אין דער איבעריקער צייט לויפן אָן נאָר פון צייט-צו-צייט שטורעמס, זומער אָבער שטייט אַראַל אומבאַוועגלעך, ווי אַ טייערער שפּיגל.

אַראַל איז אַ לאַנגווייליקער ים.

די איינציקע שיינקייט זיינע איז — זיין אומגעוויינלעכע בלויקייט.

אַ בלויקייט אַ טיפע, אַ סאַמעטענע, וואָס שלאָגט אָפּ מיט אַ שאַפירן-גלאַנץ.

אין אַלע געאָגראַפישע לערביכער איז עס אָנגעמערקט.

אַוועקשיקנדיק מאַריוטקען מיטן פּאָרוטשניק, האָט דער קאָמיסאַר אויסגערעכנט, אַז אין דער קומענדיקער וואָך קען מען זיך ריכטן אויף אַ שטילן וועטער. אויך די קירגיזן האָבן, לויט אַלטפרענקישע צייכנס, פאָרגעזאָגט דאָס זעלביקע.

דערפאַר טאַקע איז אַוועק דאָס שיפל מיט מאַריוטקען, מיטן פּאָרוטשניק און מיט נאָך צוויי חברים, וואָס זיינען געווינט געווען צו דער געפערלעכער וואַסער-סטיכיע, סעמיאַנני און וויאַכיר, — מיטן ים-וועג קיין קאַזאַלינסק.

פריילעך האָט דער גלייכמעסיקער ווינט, וואָס האָט גערוישט מיט זיינע כוואַליעס, אויפגעבלאָזן דעם פאַרלאַטעטן זעגל.

שלעפעריק האָט געסקריפּעט אין די זאַוויעסעס דער רודער, און ביים ראַנד האָט אַ זיד געטון אַ געדיכטער פוטערדיקער שוים.

מאַריוטקאַ האָט אינגאַנצן פאַנאַנדערגעבונדן דעם פּאָרוטשניק די הענט, — אוממעגלעך צו אַנטלויפן פון שיפל, — גאָוואָרוכאַ-אָטראָק איז פון צייט-צו-צייט געזעסן ביי די שקאָטן פאַרבייטנדיק סעמיאַננין און וויאַכירן.

ער האָט זיך אַליין געפירט אין געפאַנגנשאַפט.

און ווען ער האָט די שקאָטן אָפּגעגעבן צו די רויטאַרמייער, האָט ער זיך געלעגט אויפן דעק, צוגעדעקט מיט אַ קוטשמע און געשמייכלט צו עפּעס אַזוינס, צו זיינע געהיימע אָפיצערישע געדאַנקען, וואָס זיינען, אויסער אים, קיינעם נישט באַוווּסט געווען.

ער האָט דערמיט באַאומרויקט מאַריוטקען.

— און פון וואָס כיכיקעט ער די גאַנצע צייט? ר׳וואָלט

כאָטש אויף ווילטאָג געפּאָרן, צו זין אַהיים ? זיין תּכלית, — אַ פאַרהער אין שטאַב און אַ סוף. נאַרישער קאָפּ, משוגענער !

דער פּאָרוטשניק האָט אָבער כּסדר געשמייכלט און נישט געוווּסט פון מאַריוטקעס דאַגות.

האָט מאַריוטקאַ נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָנגערופן :

— דו האָסטו זיך צוגעוווינט צום וואַסער ?

אַ קלער געטון, האָט גאָוואָרוכאַ-אָטראָק געענטפערט :

— אין פּעטערבורג... אַן אייגענע יאַכט געהאַט... אַ גרויסע. אויפן ים געגאַנגען.

— וואָס פאַר אַ יאַכט ?

— אַ שיף אַזאַ...

נאַ-דיר ! יאַכטן קאָן איך דאָן נישט ערגער פון דיר. אין אַסטראַכאַן ביי די בורזשויען אין קלוב האָב איך זיך אָנגעזען. דאָרט איז געווען אַ סך. אַלע ווייסע, הויכע, געשטאַלטיקע ווי שוואַנען. נישט וועגן דעם פרעג איך. וואָס פאַר אַ נאָמען האָט זי געהאַט ?

— נעללי.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאָמען ?

— מיין שוועסטער האָט מען אַזוי גערופן. די יאַכט — לכבוד איר.

— ס'איז גאָר אַזאַ קריסטלעכער נאָמען נישטאָ.

— העלענע... אויף ענגליש איז נעללי.

מאַריוטקאַ איז אַנטשוויגן געוואָרן, אַ קוק געטון אויף דער העלער זון, וואָס האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן, ווי קאַלטער בלאַנקנדיקער האָניג. זי איז געקראָכן אַראָפּ-צו, צו דעם סאַמע-טענעם בלויע וואַסער.

זי האָט ווידער פאַרפירט אַ שמועס:

— דאָס וואַסער ! אַ ריינע בלויקייט פאַרמאָגט עס. אין קאַספּישן ים איז עס גרין, און דאָ, קוק, וואָס פאַר אַ שטאַרקע בלויקייט.

דער פּאָרוטשניק האָט געענטפערט, ווי צו זיך אַליין:

— לויט פּאָרעלס צעטיילונג דערגייט עס צום דריטן גראַד.

— וואָס איז? — האָט אומרויק זיך אויסגעדרייט מאַריוטקאַ.

— דאָס האָב איך צו זיך. וועגן וואַסער. אין דער הידראָגראַפיע האָב איך געלייענט, אַז אין דעם ים האָט דאָס וואַסער אַ זייער העל-בלויער קאָליר. דער געלערטער פּאָרעל האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ טאַבעלע פון די ניואַנסן פונם ים-וואַסער. דאָס בלויסטע וואַסער איז אין שטילן אָקעאַן, און אָט דאָס איז, לויט דער דאָזיקער טאַבעלע, נאָנט צום דריטן גראַד.

מאַריוטקאַ האָט פאַרמאַכט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך פאָרשטעלן פּאָרעלס טאַבעלע, מיט די פאַרשידענע טענער פון בלויקייט.

— שטאַרק בלוי, שווער אַפילו צו פאַרגלייכן. בלוי, ווי...

זי האָט געעפנט די אויגן און פּלוצלונג אָפּגעשטעלט די געלע, קעצישע אַפּלען אירע אויף דעם פּאָרוטשניקס אולטראַמאַרינענע אויגן-קייקלעך. זי האָט זיך אַ ריס-געטון פאָרויס און אויפגעציטערט מיטן גאַנצן קערפּער, ווי זי וואָלט אַנטדעקט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. זי האָט פאַרווונדערט צעעפנט אירע ליפּן און אַ שעפּטשע געטון:

— מאַמע האַרציקע!... די אויגן ביי דיר — ס'זאָל פעלן אַ האָר, ווי די בלויקייט פון וואַסער! און איך קוק, וואָס איז מיר אין זיי באַקאַנט, אַ רוח אין די פּיש!

דער פּאָרוטשניק האָט געשוויגן.

אָראַנזשע-בלוט האָט זיך פאַנאַנדערגעגאָסן איבערן האָריזאָנט. דאָס וואַסער אין דערווייטנס האָט אָפּגעשלאָגן מיטן אָפּגלאַנץ פון טינט. ס'האָט אַ בלאָז געטון אַן אייזיקע קעלט.

— ס'ציט פון מזרח — האָט זיך באַאומרויקט סעמיאָנני, וויקלענדיק זיך אינם צעריסענעם שינעל.

— װאָלט קיין נאָר קיין שטורעם-כוואַליע נישט אָניאָגן — האָט זיך אָנגערופן וויאַכיר.

— נישקשה, נאָך אַ צוויי שעה וועלן מיר שווימען — וועט מען דערזען באָרט. מעג זיין אַ ווינט — מיר וועלן דאָרט געכטיקן.

זיי זיינען אַנטשוויגן געוואָרן. דאָס שיפל האָט זיך אָנגעהויבן שליידערן איבער די טונקל-געוואָרענע, בלייערנע רוקנס פון די כוואַליעס.

איבער דעם גראַנאַט-שוואַרצן צעשויבערטן הימל זיינען אַדורך שמאָלע וואָלקן-פּאַסן.

— אַזוי איז טאַקע. ס׳יאָגט אָן אַ שטורעם.

— מיר דאַרפן באַלד געפינען דעם באָרט. פון דער לינקער זייט דאַרף ער זיין. אַ פאַרשאָלטענער אָרט, אָט דער באָרט. פון אַלע זייטן זאַמד, כאָטש נעם און פּלאַץ! נאָר די ווינטן וואָיען... צי-אויף, נבלה, די שקאָטן, צי-אויף! אָט דאָס איז פאַר דיר אַ מלאכה, נישט קיין גענעראַלישע לײדיקגייעריי!

דער פאָרוטשניק האָט נישט באַוויזן באַצייטנס אויפצוציען דעם שקאָט. דאָס שיפל האָט מיטן באָרט דורכגעשניטן דאָס וואַסער, און אַ שטראָם שוים האָט זיי פאַרגאָסן די פּנימער.

— וואָס בין איך דאָ שולדיק? מאַריאַ פּילאַטאָוונאַ האָט ביים רודער פאַרזעגן.

— דאָס האָב איך פאַרזעגן? באַקלער זיך נאָר, פּיש-כאָליערע! פון פינף יאָר אָן זיץ איך ביים רודער!

די כוואַליעס האָבן זיי אָנגעיאָגט פון הינטן, הויכע, שוואַרצע ענלעך צו דראַקאָנישע רוקנס, מיט ברויזנדיקע פּיסקעס אָנגעכאַפּט פאַר די באָרטן.

— ע-עך, מאַמע!... ווען מ׳וואָלט זיך שנעלער געקענט דערשלאָגן צו באָרט. ס׳איז פינסטער, מ׳קאָן גאָרנישט זען.

וויאַכיר האָט זיך אומגעקוקט אויף לינקס. פּלוצלונג האָט ער פריילעך, אויפן גאַנצן קול, אויסגעשריגן:

— אָט איז! אָט איז ער, דער מנוול!

דורך די כוואַליעס און פינצטערניש האָט אַ פינקל געטון אַ נידריקער ווייסלעכער פּאַס.

— רודער צום ברעג, — האָט אַ געשריי געטון סעמיאָנני, הלואי זאָלן מיר זיך דערשלאָגן!

מיט אַ קנאַק האָט געפּלאַצט דער רודער, אַ כוואַליע האָט אַ זעץ געטון אין שיפל, פאַרגיסנדיק ביז די קני מיט וואַסער.

— שעפּ-אויס דאָס וואַסער! — האָט אויפשפּרינגענדיק אַ קוויטש געטון, מאַריוטקאַ.

— שעפּן?... דער טייוול האָט געכאַפּט דעם שעפּער.

— מיט די היטלען!

סעמיאָנני און וויאַכיר האָבן אַראָפּגעריסן די פּאַפּאַכעס און פיבערדיק געשעפּט דאָס וואַסער. דער פּאָרוטשניק ד'האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט. ער האָט אַראָפּגענומען זיין פוטערנע היטל און זיך אַ וואָרף געטון צו הילף.

דער ווייסער, נידעריקער פּאַס האָט זיך דערנענטערט צום שיפל און זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פלאַכן ברעג, באַדעקט מיט שניי. דער ברעג איז נאָך ווייסער געווען פון דעם זידנדיקן שוים.

דער ווינט האָט זיך מיט אַ הינטישן בילן געבייזערט און אַלץ ד'העכער געשליידערט די זיך וויגנדיקע, פליעסקענדיקע כוואַליעס.

מיט אַ ווילדן קלאַפּ האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפן זעגל-לייוונט, אויפגעבלאָזן זיין שוואַנגערן בויך, אַ ריס געטון.

דאָס אַלטע לייוונט האָט אַ פּלאַץ געטון מיט אַ האַרמאַטן-שאָס

סעמיאָנני און וויאַכיר האָבן זיך אַ וואָרף געטון צום מאַסט.

— האַלט די עקן! — האָט מיט אַ דורכדרינגלעכער שטים אַ וואָיע געטון פון רודער מאַריוטקאַ און זיך אָנגעלעגט אויף אים מיט דער ברוסט.

אַ שפּרודלדיקע, רוישיקע, אייזיקע כוואַליע האָט אָנגע-

יאָגט פון הינטן, אוועקגעלעגט דאָס שיפל אויף אַ זייט און זיך איבערגעקייקלט איבער דעם מיט אַ שווערער גלעזערנער מאַסע.

ווען דאָס שיפל האָט זיך אויסגעגלייכט, כמעט ביז די ברעגעס אָנגעגאָסן מיט וואַסער, איז נישט סעמיאָנגי, נישט וויאַ-כיר ביים מאַסט נישט געווען. ס'האָט זיך נאָר געבאָמבלט מיט נאַסע שמאַטעס דער צעריסענער זעגל-לייוונט.

דער פּאָרוטשניק איז געזעסן אויפן דעק ביז דער העלפט אין וואַסער און זיך געצלמט מיט דראָבנע צלם-צייכנס.

—טייוול !.. וואָס האָסטו זיך צעווייקט? שעפּ דאָס וואַסער!

צום ערשטן מאָל אין איר גאַנצן לעבן האָט מאַריוטקאַ דעם פּאָרוטשניק מכבד געווען מיט אַ פּיל-גאָרנדיק זידלוואָרט.

אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָנגעשלאָגן הינטל, און ער האָט אָנגעהויבן שפּריצן מיטן וואַסער.

מאַריוטקאַ האָט גערופן אין דער נאַכט אריין, אין גע-רויש, אין ווינט:

— סע-מיאָנ-ני! וויאַ-אַ-כי-ייר!

ס'האָט געשפּריצט דער שוים. מ'האָט נישט געהערט קיין שום מענטשלעכן קול.

— זיי זיינען דערטרונקען געוואָרן, די פאַרשאָלטענע!

דער ווינט ד'האָט געטראָגן דאָס האַלב-פאַרטרונקן שיפל צום ברעג-צו. אַרום האָט געברויזט דאָס וואַסער.

ס'האָט אַ יאָג-געטון פון הינטן, און די דעק האָט זיך אַ רייב-געטון אָן דעם זאַמד.

— קריך אין וואַסער! — האָט אַ געשריי געטון מאַריוטקאַ, אַרויסשפּרינגנדיק. דער פּאָרוטשניק איז אַרויסגעקראָכן נאָך איר.

— שלעפּ דאָס שיפל!

אָנכאַפּנדיק זיך אָן דעם שפּיץ, פאַרבלענדעט דורך די בריזגעס שוים, אומגעוואָרפן פון די כוואַליעס, ד'האָבן זיי גע-שלעפּט דאָס שיפל צום ברעג. שווער האָט עס זיך איינגעשניטן

אין זאַמד אַריין. מאַריוטקאַ האָט אַ כאַפּ־געטון די ביקסן.

— נעם־צו די זעק מיטן עסנוואַרג! שלעפּ!

דער פּאָרוטשניק האָט הכנעהדיק געפאָלגט. דערגרייכנדיק צו אַ טרוקענעם אָרט, האָט מאַריוטקאַ אַראָפּגעלאָזן די ביקסן אויפן זאַמד. דער פּאָרוטשניק האָט אַראָפּגעלעגט די זעק.

מאַריוטקאַ האָט נאָכאַמאָל אַ געשריי געטון אין דער פינ־סטערניש אַריין:

— סיעמיאַנני! וויאַ־כיר!

נישטאָ קיין ענטפער.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף די זעק און אויפן ווײַ־בערשן שטייגער — זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

דער פּאָרוטשניק איז געשטאַנען פון הינטן, ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. דאָך האָט ער אַ הויב געטון מיט די אַקסלען און אַ זאָג־געטון:

— צום טײַוול!... ווי אין אַ לעגנדע! ראָבינזאָן אין דער באַגלייטונג פון פרײַטיקן!

קאַפּיטל זעקס,

אין וועלכן עס פאַרקניפּט זיך אַ צווייטער שמועס און עס אַנטפּלעקט זיך די שעדלעכע פיזיאָלאָגישע ווירקונג פונם ים־וואַסער ביי דער טעמפּעראַטור פון 2 גראַד לויט רעאָמיור.

דער פּאָרוטשניק האָט אָנגערירט מאַריוטקען ביים אָרעם.

איינינקע מאָל האָט ער געפּרוּווט רעדן. נאָר ס׳האָט אים געשטערט דאָס, וואָס דאָס מויל האָט אים געציטערט פון קעלט.

ער האָט מיט די פויסטן אונטערגעשפּאַרט דעם קין און קוים אַרויסגערעדט:

— מיטן געוויין וועסטו גאָר נישט העלפן. מ׳דאַרף גיין! דאָ צו זיצן איז דאָך קיין פּלאַן נישט! מיר וועלן פאַרפרוירן ווערן!

מאַריוטקאַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. האָפענונגסלאָז האָט זי אַ זאָג געטון:

— וווּהין קאָן מען זיך לאָזן? מיר זיינען אויף אַן אינזל. אַרום און אַרום איז וואַסער.

— מ׳דאַרף גיין. איך ווייס, אַז דאָ זיינען פאַראַן באַראַקן.

— פונוואַנען ווייסטו? ביסט דאָ געווען, צי וואָס?

— ניין, כ׳בין קיינמאָל נישט געווען. ווען כ׳האָב זיך נאָך אָבער אין גימנאַזיע געלערנט, האָב איך געלייענט, אַז די פישער בויען דאָ באַראַקן פאַר די פיש. מ׳דאַרף געפינען אַ באַראַק.

— נו, מיר וועלן געפינען, וואָס ווייטער?

— וועלן מיר איבערנעכטיקן. איגדערפרי וועלן מיר שוין געפינען אַן עצה. שטעל זיך אויף, פרייטיק!

מאַריוטקאַ האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטון אויפן פּאָרוטשניק.

— נישט שוין-זשע ביסטו פון זינען אַראָפּ?.. גאָט אין הימל!.. וואָס וועל איך מיט דיר טון? הייגט איז נישט פריי-טיק — גייערט מיטוואָך.

— ס׳מאַכט נישט אויס! זאָל דיך נישט האַרן. הײַנט דעם וועלן מיר דערנאָך שמועסן. הויב זיך אויף!

מאַריוטקאַ איז שנעל אויפגעשטאַנען. דער פּאָרוטשניק האָט זיך איינגעבויגן אויפצוהויבן די ביקסן, נאָר דאָס מיידל האָט אים געכאַפּט פאַר דער האַנט.

— שטיי! וואַיעווע נישט!... דו האָסט מיר געגעבן אַן ערן-וואָרט, אַז דו וועסט נישט אַנטלויפן!

דער פּאָרוטשניק האָט אַרויסגעריסן די האַנט און זיך פאַ-נאַנדערגעלאַכט ווילד און הייזעריק.

— ווייזט אויס, אַז נישט איך בין פון זינען אַראָפּ, נאָר דו! באַרעכן זיך נאָר, חכמה, קאָן איך איצט קלערן וועגן אַנטלויפן? און די ביקסן וויל איך טראָגן כדי דיר זאָל נישט זיין שווער.

מאַריוטקאַ האָט ווייך און ערנסט אַ זאָג געטון:

— פאַר דער הילף דאַנק איך דיר. איך האָב אָבער באַקומען אַ באַפעל דיך צוצושטעלן... קאָן איך דיר, הייסט עס, נישט געבן אין די הענט קיין געווער, ווייל איך בין פאַראַנטוואָרטלעך!

דער פּאָרוטשניק האָט אַ הויב־געטון מיט די אַקסלען און אויפגעהויבן די זעק. ער האָט אָנגעהויבן שפּרייזן פאָרויס.

דער זאַמד, אויסגעמישט מיט שניי, האָט געקנאַקט אונטער די פיס. ס׳האָט זיך געצויגן אַן אומענדלעכער, נידעריקער ברעג, אַן עקלדיקער מיט זיין איינטאָניקייט.

פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן עפּעס גרויעס, צוגעשאָטן מיט שניי.

מאַריוטקאַ האָט זיך געוואַקלט אונטער דער מאַסע פון די דריי ביקסן.

— נישקשה, מאַריאַ פילאַטאָוונאַ! נאָך אַביסל! דוכט זיך, אַז דאָס איז דער באַראַק!

— הלוואי וואָס שנעלער, איך האָב שוין קיין כוח נישט. איך בין אינגאַנצן דורכגעפרוירן.

זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אַ באַראַק. אינעווייניק איז געווען אַ ווילדע פינסטערניש, זיי האָבן דערפּירט אַ חלשותדיקן ריח פון פיש און פאַרזשאַווערטע זאַלץ.

דער פּאָרוטשניק האָט מיט דער האַנט אָנגעטאַפּט צונויפגעלעגטע הויפנס פיש.

— אַהאַ! פיש איז פאַראַן! לכל־הדעות הונגערן וועלן מיר נישט.

—וואָלט כאָטש געווען פייער!... מ׳דאַרף זיך אַרומרוקן...

אפשר וועלן מיר געפינען עפעס אַ ווינקל קעגן ווינט ! — האָט אַרויסגעקרעכצט מאַריוטקאַ.

— נו, קיין עלעקטרישע באַלייכטונג וועלן מיר זיך דאָ נישט דערוואַרטן.

— מ'דאַרף פאַנאַנדערברענען פיש... זיי זיינען פעט.

דער פּאָרוטשניק האָט זיך ווידער פאַנאַנדערגעלאַכט.

— פאַנאַנדערברענען פיש?... דו ביסט פון זינען אַראָפּ?

— פאַרוואָס פון זינען אַראָפּ ? — האָט מאַריוטקאַ באַליידיקט געענטפערט — ביי אונדז אויף דער וואָלגע האָט מען כסדר געברענט פיש, ס'ברענט זיך בעסער, ווי האָלץ !

— דעם ערשטן מאָל הער איך דאָס... ווי אַזוי אָבער אָנצינדן ?... אַ פייער-שטיין האָב איך, ווו נעמט מען אָבער שפּענער אָנצוצינדן ?

— עך, דו, קאַוואַלער !.. ווייזט אויס, אַז צייט דו לעבסט ביסטו געזעסן ביי דער מאַמען אונטערן פאַרטוך. נאַ, דריי אַרויס די קוילן, און איך וועל פון דער וואַנט אָפּשיילן שפּענער.

דער פּאָרוטשניק האָט קוים מיט צרות מיט די פאַרפרוירענע פינגער אַרויסגעדרייט די קוילן פון די דריי ביקסן-פּאַטראָנען. אין דער פינצטער האָט זיך מאַריוטקאַ אָנגעשטויסן אָן אים מיט די שפּענער.

— שיט-אַהער פולווער !.. אין הייפל... גיב דעם צינדער !

דער קנויט האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַן אָראַנזש-פייערל. מאַריוטקאַ האָט אים אַריינגערוקט אינעם פולווער. ס'האָט אַ סיקע געטון און אויפגעפלאַמט אַ רויק, געל פייער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט די טרוקענע שפּענער.

— פאַרטיק, — האָט זיך דערפרייט מאַריוטקאַ, — נעם פיש... גיב אַהער וואָס פעטערע !

אויף די אָנגעצונדענע שפּענער האָט זיך געלעגט פיש. ס איז געוואָרן איינגעשרומפן און זיך אָנגעצונדן מיט אַ פעטן, הייסן פלאַם-פייער.

— איצט דאַרף מען נאָר צולעגן. פיש וועט אונדז קלעקן אויף אַ האַלב יאָר!

מאַריוטקאַ האָט זיך אַרומגעקוקט. דער פלאַם האָט גע־וואָרפן צאַפּלענדיקע שאָטנס אויף די ריזעדיקע בערג אָנגעוואָרפענע פיש. די הילצערנע ווענט זיינען געווען פול מיט לעכער און שפּאַרעס.

מאַריוטקאַ איז זיך איבערגעגאַנגען איבערן באַראַק. פון ערגעץ אַ ווינקל האָט זי אויסגעשריגן:

— ס'איז פאַראַן אַ גאַנצער ווינקל! לעג־צו פיש, ס'זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. איך וועל דערווייל איינלעגן די פיש. אַ ריינעם צימער וועל איך איינאָרדענען.

דער פּאָרוטשניק האָט זיך צוגעזעצט צום פייער. ער האָט געציטערט, ביז ער האָט זיך דערוואַרעמט. אין ווינקל האָט מאַריוטקאַ איבערגעוואָרפן די פיש, וועלכע האָבן געשאָרכט אויף דער ערד. לסוף האָט זי אַ רוף געטון:

— פאַרטיק! שלעפּ־אַהער פייער!

דער פּאָרוטשניק האָט אויפגעהויבן פאַרן עק אַ ברענענ־דיקן פיש און איז אַריבער אין ווינקל. מאַריוטקאַ האָט פון דריי זייטן איינגעאָרדנט ווענטלעך פון פיש, אינמיטן האָט זיך געשאַפן אַ ליידיקער שטח פון אַ קלאַפטער.

— קריך אַריין און צינד־פאַנאַנדער! איך האָב אינעווייניק אָנגעלעגט פיש. איך וועל דערווייל אַ גיי טון נאָך די פּראָדוקטן.

דער פּאָרוטשניק האָט אונטערגעלעגט דעם ברענענדיקן פיש. פּאַמעלעך, נישט־ווילנדיק, ד־האָט זיך דאָס פייער פאַנאַנ־דערגעברענט. מאַריוטקאַ האָט זיך אומגעקערט, אַוועקגעשטעלט אין ווינקל די ביקסן און אַראָפּגעלעגט די זעק.

— עך, פיש־כאָליערע! אַ שאָד די חברה. אומזיסט־אומ־נישט דערטרונקען געוואָרן.

—ס׳וואָלט כּדאַי געווען אויסצוטריקענען די קליידער. מ׳קאָן זיך צוקילן.

— און וואָס גייט עס ? דאָס פייער פון די פיש איז הייס. וואַרף אַראָפּ און טריקן !

דער פּאַרוטשניק האָט זיך געקווענקלט.

— טריקנט איר זיך פריער אויס, מאַריאַ פילאַטאָווגאַ. איך וועל דערווייל צוואַרטן. דערנאָך וועל איך זיך טריקענען.

מאַריוטקאַ האָט מיט מיטגעפיל אַ קוק געטון אויף זיין ציטערדיק פּנים.

— אָך, ס׳אַרא נאַר דו ביסט ! דיינע פּריצישע השגות. וואָס איז דאָ אַזוי שרעקלעך ? האָסט קיינמאָל קיין נאַקעטע באָבע נישט געזען ?

— נישט דערפאַר... אפשר שעמט איר זיך ?

נאַרישקייטן ! פון איין און דערזעלבער טייג געקנאָטן. ווער ווייסט וואָס פאַר אַ חילוק ! — זי האָט כּמעט געשריגן : — טו זיך אויס, געטש ! קנאַקסט מיט די ציין, ווי אַ קוילנוואַרפער. נאָר צרות האָב איך פון דיר !

אויף די צוזאַמענגעשטעלטע ביקסן איז דאָס אָנטועכץ געהאָנגען און זיך געדרייט איבערן פייער.

דער פּאָרוטשניק און מאַריוטקאַ זיינען געזעסן איינער קעגן דעם אַנדערן ביים פייער און מיט פאַרגעניגן זיך געוואַרעמט ביים פלאַם.

מאַריוטקאַ האָט אויפמערקזאַם כּסדר געקוקט אויף דעם פּאָרוטשניקס ווייסע, איידעלע, אויסגעמאָגערטע פלייצעס. זי האָט אַ מורמל געטון :

— וואָס פאַר אַ ווייסער דו ביסט, פיש-כאָליערע ! נישט אַנדערש, מ׳האָט דיך אין שמאַנד-מילך געבאָדן !

דער פּאָרוטשניק האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט און אויסגעדרייט דעם קאָפּ. געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר באַגעגנט דעם געלן אָפּשיין, וואָס האָט זיך געוואָנדיקט אויף מאַריוטקעס ברוסט

און אַראָפּגעלאָזן צו דער ערד די אולטראַמאַרין־בלויע אויגן.

דאָס אָנטועכץ האָט זיך אויסגעטריקנט. מאַריוטקאַ האָט אָנגעוואָרפן אויף די אַקסלען אַ פּעלצל.

— מ׳דאַרף זיך דורכשלאָפן. אפשר וועט זיך ביז מאָרגן איינשטילן. אַ גליק, וואָס דאָס שיפל איז נישט דערטרונקען געוואָרן. אַז ס׳וועט ווערן רויקער, אפשר וועלן מיר זיך ווי ס׳איז דערשלעפּן ביר סיר־דאַריע. דאָרט וועלן מיר שוין אָנטרעפן פישערס. לעג זיך, איך וועל שוין אַכטונג געבן אויפן פייער, און אַז איך וועל שלעפעריק ווערן, וועל איך דיך אויפוועקן, ווערסטו דיזשורירן.

דער פּאָרוטשניק האָט אונטערגעלעגט אונטער זיך דאָס אָנטועכץ און זיך איבערגעדעקט מיטן פּעלצל. ער איז שווער אַנטשלאָפן געוואָרן און האָט געקרעכצט פון שלאָף. מאַריוטקאַ האָט אים אומבאַוועגלעך אָנגעקוקט.

זי האָט אַ הויב געטון מיט די אַקסלען.

— אָנגעטשעפּעט זיך אָן מיין קאָפּ! אַ קרענקלעכער! ער זאָל זיך נאָר נישט האָבן פאַרקילט! אין דער היים האָט מען אים מסתּמא אין זייד און אַטלאַס געוויקלט! ס׳אַ לעבן, אַ רוח אין די פּיש אַריין!

אינדערפרי, ווען דורך די שפּאַרעס אין דאַך האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָט מאַריוטקאַ אויפגעוועקט דעם פּאָרוטשניק.

— הער, דו גיב אַכטונג אויפן פייער, און איך וועל אַראָפּגיין צום ברעג. איך וועל אַ קוק טון, אפשר זיינען אונדזערע אַרויסגעשווומען און זיצן ערגעץ־ווו?

דער פּאָרוטשניק האָט זיך קוים אויפגעהויבן. ער האָט מיט די פינגער צוגעדריקט די שלייפן און מיט אַ פאַרשטיקטן קול אַ זאָג געטון:

— דער קאָפּ טוט וויי.

— נישקשה... דאָס איז פון רויך און פון מידקייט. ס׳וועט איבערגיין. נעם פון זאַק די פּלעצל, באַק־צו אַ פיש און קיי.

זי האָט אַ נעם-געטון אַ פּיקס, אַרומגעווישט אים מיט אַ ברעג פונם פעלצל און איז אַרויסגעגאַנגען.

דער פּאָרוטשניק איז אויף די קני צוגעקראָכן צום פייער, אַרויסגענומען פון זאַק אַן אַלט-געבאַקן פעלצל, איינגעביסן, אַביסל אַ קיי-געטון, אַראָפּגעלאָזן עס און ווי אַ זאַק אַ פאַל-געטון ביים פייער אויף דער ערד...

. . . .

מאַריוטקאַ האָט געטרייסלט דעם פּאָרוטשניק פאַרן אַקסל, מיט פאַרצווייפלונג האָט זי געשריען:

—שטיי-אויף!.. שטיי-אויף, פאַרשאָלטענער!.. אַן אומגליק.

דעם פּאָרוטשניקס אויגן האָבן זיך ברייט צעעפנט, די ליפּן האָבן זיך פאַנאַנדערגענומען.

—שטיי-אויף, זאָג איך דיר! אָט אַן אָנשיקעניש! די כוואַליעס האָבן אַראָפּגעשווענקט דאָס שיפל! מיר זייגען איצט פאַרפאַלענע.

דער פּאָרוטשניק האָט איר געקוקט אין פּנים אַריין און געשוויגן.

האָט זיך מאַריוטקאַ צו אים צוגעקוקט אויפמערקזאַמער און אַזש שטיל אַ קרעכץ געטון.

דעם פּאָרוטשניקס אולטראַמאַרין-בלויע אויגן זיינען געווען טריב און פאַרגאָסן. פון זיין באַק, וועלכע האָט אין אָנמאַכט זיך צוגעטוליעט צו מאַריוטקעס האַנט, האָט זיך געפילט אַ היץ, ווי פון פייער.

— זיך טאַקע צוגעקילט, שטרויענער טייוול! וואָס וועל איך איצט מיט דיר מאַכן?

דער פּאָרוטשניק האָט אַ ריר געטון מיט די ליפּן.

איינבויגנדיק זיך, האָט מאַריוטקאַ דערהערט:

— מיכאַל איוואַנאָוויטש... שטעלט נישט קיין איינס... איך האָב זיך נישט געקענט אויסלערנען... אויף מאָרגן וועל איך זיך אויסלערנען...

— וואָס פּלאָפּלסטו ? — האָט, ציטערנדיק, אַ פרעג געטון מאַריוטקאַ.

— טרעזאָר... כאַפּ... אַ קוראָפּאַטווע... — האָט פּלוצלונג אַ געשריי געטון דער פּאָרוטשניק אויפשפּרינגנדיק.

דער פּאָרוטשניק איז נאָכאַמאָל אומגעפאַלן און איינגעגראָבן זיך מיט די פינגער אין זאַמד אַריין.

מאַריוטקאַ האָט זיך האַסטיק אָפּגערוקט און מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס פּנים.

ער האָט שנעל, שנעל אַ מורמל געטון עפּעס אומפאַרשטענדלעכעס, ווערגנדיק זיך מיט די קלאַנגען.

מאַריוטקאַ האָט זיך הילפלאָז אַרומגעקוקט.

זי האָט אַראָפּגענומען דאָס פעלצל, אַ וואָרף געטון עס אויף דער ערד און מיט אָנשטרענגונג אַרויפגעשלעפּט אויף אים דעם פּאָרוטשניקס פאַרחלשטן קערפּער. זי האָט אים איבערגעדעקט מיט זיין פוטער.

ביי זיין זייט האָט זי זיך איינגעשרומפּן אין אַ הילפלאָזן קנויל, איבער די איינגעפאַלענע באַקן האָבן אָנגעהויבן פּאַמעלעך רינען טריבע טרערן.

דער פּאָרוטשניק האָט זיך געוואָרפן, כסדר אַראָפּגעוואָרפן דעם פוטער, נאָר מאַריוטקאַ האָט עקשנותדיק יעדעס מאָל אויסגעגלייכט, איינטולענדיק אים ביז איבערן האַלדז.

דערזען, אַז זיין קאָפּ ליגט נידעריק, האָט זי אים אונטערגעלעגט זעק.

זי האָט אַ זאָג געטון, ווי קלאָגנדיק זיך, צום הימל:

— ער וועט דאָך אָוועקשטאַרבן... וואָס וועל איך יעוועסיוקאָוון זאָגן ? אַי, צרות !

זי האָט זיך איינגעבויגן איבער אים — ער האָט געברענט פון היץ. זי האָט אַ קוק-געטון אין זיינע טריב-געוואָרענע בלויע אויגן.

אַ שאַרפער ווייטיק האָט איר אַ שטאָך געטון אין האַרץ.

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און לייכט אַ גלעט געטון דעם פּאָרוטשניקס צעפּאַטלטע, געקרייזלטע האָר. זי האָט אַרומ־געגנומען זיין קאָפּ מיט אירע הענט און צאַרט אַ מורמל־געטון:
— נאַרעלע דו מיינער, בלויאויגיקער!

קאַפּיטל זיבן,

לכתחילה זייער פאַרפּלאָנטערט, צום סוף ווערט קלאָר.

זילבערנע טראָמייטן, און אויף די טראָמייטן הענגען קריש־טאָלענע גלעקלעך.

די טראָמייטן זינגען, די גלעקלעך קלינגען מיט אַזא צאַרטן, איידעלן קלאַנג.

— טילי־דין, דין, דין.

— טילי־לילי, דליאָן־דליאָם־דליאָם.

און די טראָמייטן זינגען באַזונדערס זייערס:

— טו־טו־טו־טו, טו־טו־טו־טו.

בלי־ספק אַ מאַרש. אַ מאַרש. זיכער דערזעלבער, וואָס שטענדיק, בעת די פּאַראַדן.

און דער פּלאַץ, פאַרשפּריצט מיט זון דורך דער דינער זייד פון די בוימער, — אויך דערזעלבער.

דער קאַפּעלמייסטער דיריגירט מיט העם אָרקעסטער.

ער איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום אָרקעסטער, פון זיין אויפשניט פון שינעל האָט אַרויסגעקוקט אַן עק, אַ לאַנגער געלער פוקסן־עק, וואָס אויף זיין שפּיץ איז געווען איינגעשרויפט אַ גאָלדן קיילעכל, און אין קיילכל — אַ קאַ־מערטאָן.

דער עק פאָכט אין אַלע וייטן, דער קאַמערטאָן גיט דעם

טאָן, ווייזט די טראָמייטער און פייקלער, ווען אָנצוהויבן, און טאָמער פאַרקוקט זיך אַ מוזיקאַנט — באַלד מיטן קאַמערטאָן אי־בערן קאָפּ.

די מוזיקאַנטן באַמיען זיך מיט אַלע כוחות. מערקווירדיקע מוזיקאַנטן.

די זעלנער, אַזוי ווי זעלנער, — פון פאַרשידענע פּולקן, לייב־גוואַרדיע. אַ צוזאַמענגעשטעלטער אָרקעסטער.

די מוזיקאַנטן האָבן אָבער נישט קיין מיילער. אונטער דער נאָז איז ביי זיי אַ גלאַטער אָרט. און די טראָמייטן זיינען ביי אַלעמען אַריינגעשטעלט אין לינקן נאָז־לאָך.

מיט דעם רעכטן נאָז־לאָך ציען זיי אַריין דעם אָטעם, מיטן לינקן בלאָזן זיי אין די טראָמייטן, און דערפאַר איז דער טאָן פון די טראָמייטן אַן אויסערגעוויינלעכער, אַ קלינגנדיקער און פריילעכער.

— צום צע־רע־מאָ־ניאַ־לן מאַרש גרייט־זיך!

— צום צע־רע־מאָניאַלן... אויפן אַקסל!

— פּולק!...

— באַטאַליאָן!...

— ראָטע!..

— פון רעכטס... ערשטער באַטאַליאָן — מאַרש!..

די טראָמייטן: טו־טו־טו. די גלעקלעך: דין־דין־דין.

דער קאַפּיטאַן שוועצאָוו אין לאַקירענע שטיבלעטן שפּרינגט אונטער. דער הינטן ביים קאַפּיטאַן איז אַ גלאַטער, אַ קיילעכ־דיקער, ווי אַ חזירשע שינקע. ער טרייסלט זיך.

— אויסגעצייכנט, חברה!

— דראַם־אַם, אוו־האַוו־האַוו!..

— פּאָרוטשניק!

— פּאָרוטשניק! דעם פּאָרוטשניק צום גענעראַל!

— וועלכן פּאָרוטשניק?

— פון דער דריטער ראָטע. גאָוואָרוכאַ-אָטראָק צום גע-נעראַל!

דער גענעראַל זיצט אויף אַ פערד, אויפן מיטן פּלאַץ. זיין פּנים איז רויט, די וואָנסן גרוי.

— הער פּאָרוטשניק, וואָס איז דאָס פאַר אַ סקאַנדאַל?

— כי-כי-כי!... כאַ-כאַ-כאַ!

— פון זינען אַראָפּ?.. לאַכן גאָר?.. איך וועל אייך וי אַ באַלד, ווי דער־וועגט איר זיך!

— כאָ, כאָ, כאָ!.. נו, איר זיינט דאָך נישט קיין גענע-ראַל, נאָר אַ קאָטער, אייער הויכקייט!

און אָט זיצט אַזוי דער גענעראַל אויפן פערד. ביזן גאַרטל — אַ גענעראַל, ווי יעדער גענעראַל, און פון גאַרטל אָן קעצישע פיס. וואָלט כאָטש געווען פון אַ שיינער קאַץ אויך נישט. אַן אמתער הויפמאַן, אַזעלכע גרויע, אָפּגעקראָכענע קעץ אין שטרייפן שלעפן זיך אַרום אויף אַלע הויפן איבער די דעכער.

און מיט די נעגל זיינען די פיס צוגעשפּאַרט צו די זאָטל-רימענס.

— איך וועל אייך אָנגעבן אין געריכט, פּאָרוטשניק! אַן אומדערהערטער פאַל! אין דער גוואַרדיע, און אין מיטן גאָר מיטן פּופּעק אַרויס!

דער פּאָרוטשניק האָט געכאַפּט אַ קוק און איז געוואָרן אויסער זיך. פון הינטער דער סטענגע איז אים אַרויסגעקראָכן דער פּופּעק, ווי דינע, גרינלעכע קישקעס, און דער סאַמע עק האָט זיך מערקווירדיק שנעל געדרייט אַרום זיך. ער האָט גע-פּרוווט אָנכאַפּן דעם פּופּעק, און דער פּופּעק רייסט זיך אַרויס.

— אַרעסטירן אים! געבראָכן די שבועה!

האָט דער גענעראַל אַרויסגענומען די לאַפּע פון זאָטל-רימען, פאַנאַנדערגעעפנט די נעגל, געוואָלט אַ כאַפּ טאָן; אויף דער לאַפּע טראָגט ער אַ זילבערנעם שפּאָרן, און אָנשטאָט אַ רינגל

שטעקט אינם שפּאָרן אַן אויג.

אַ פּשוט אויג. אַ קיילעכדיקער געלער שוואַרצאַפּל, מערק־ווירדיק שאַרף — פאַרקוקט ער מאָדנע גלייך דעם פּאָרוטשניק אין סאַמע האַרץ אַריין:

— האָב נישט קיין מורא! האָב נישט קיין מורא! סוף־כּל־סוף וועט עס פאַרביי!

אַ האַנט האָט אונטערגעהויבן דעם פּאָרוטשניקס קאָפּ, — און, עפּענענדיק די אויגן, האָט ער דערזען אַן אויסגעמאָגערט פּנימל מיט געלע לאָקן און מיט אַ ליבלעך אויג, — דאָס זעלבע אויג.

— האָסט מיך איבערגעשראָקן, נעבאַכל. אַ גאַנצע וואָך האָב איך זיך מיט דיר געמאַטערט. געמיינט, כ׳וועל נישט העלפן. איינגאַנצן אַליין אויף אַן אינזל. קיין שום רפואות, קיין שום הילף. נאָר מיט קאָכעדיק וואַסער דיך געראַטעוועט. האָסט פריער אַ לאַנגע צייט געבראָכן... פּאַסקודנע, געזאַלצן וואַסער, די קישקע פאַרדייט עס נישט.

די מילדע, דערשראָקענע אויגן האָבן קוים אַריינגעדרונגען אינם פּאָרוטשניקס באַוווסטזיין.

ער האָט זיך לייכט אונטערגעהויבן, אַרומגעקוקט זיך מיט אומפאַרשטייענדיקע אויגן.

אַרום — פיש־הויפנס. דאָס פייער ברענט, אויפן ביקס־שטעמפּל הענגט אַ קעסל, דאָס וואַסער זידט.

— וואָס איז?.. ווו?..

— איי, פאַרגעסן? נישט דערקענט? איך בין מאַריוטקאַ.

מיט זיין דינער, דורכזיכטיקער האַנט האָט זיך דער פּאָ־רוטשניק אַ רייב געטאָן אין שטערן.

ער האָט זיך דערמאָנט, אומבאַהאָלפן אַ שמייכל געטאָן און אַרויסגעשעפּטשעט:

— יאָ... כ׳דערמאָן זיך. ראָבינזאָן און פרייטיק!

— אוי, פלוידערסט שוין ווידער? כּסדר מיטן פרייטיק!

איך ווייס גישט, וואָס פאַר אַ טאָג מיר האָבן. אינגאַנצן פאַר-געסן דעם חשבון.

דער פּאָרוטשניק האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן.

— אָבער נישט קיין טאָג !.. אַ נאָמען אַזאַ... פאַראַן אַ מעשה, ווי איינער אַ מענטש האָט זיך נאָך אַ שיף-קאַטאַסטראָפע צוגעקריגן צו אַ וויסטן אינדזל. און ער האָט געהאַט אַ פריינט, געהייסן פרייטיק. האָסט קיינמאָל נישט געלייענט ? ער איז ווידער אַראָפּגעפאַלן אויפן פּעלצל און זיך פאַרהוסט.

— ניין... אַ סך מעשיות געלייענט, אָבער די קען איך נישט. ליג, ליג רויק, ריר זיך נישט. וועסט מיר נאָך ווידער, חלילה, קראַנק ווערן, און איך וועל דערווייל אָפּקאָכן אַ פיש. ווערסט אָפּעסן, קומען צו זיך. בּאַרעכן נאָר, אַ גאַנצע וואָך, אויסער וואַסער, אין מויל נישט געגומען. זעסט, ביסט דורכזיכ-טיק, ווי אַ בלימל, ליג !

דער פּאָרוטשניק האָט פויל פאַרמאַכט די אויגן. אין קאָפּ האָט אים עפּעס מיט אַ געלאַסענעם, קריסטאָלענעם קלאַנג מאָד-נע געקלונגען. ער האָט זיך דערמאָנט די טראָמייטן מיט די קריסטאָלענע גלעקעלעך, האָט ער זיך שטיל צעלאַכט.

— וואָס איז ? — האָט מאַריוטקאַ געפרעגט.

— יאָ, כ'האָב זיך דערמאָנט... אַ לעבערלעכן חלום האָב איך אין היץ געזען.

— אוי, האָסטו געשריגן פון שלאָף ! און קאָמאַנדעוועט, און געשאָלטן... וואָס איז דאָרט אַלץ נישט געווען ! דער ווינט פייפט, אַרום איז פּוסט, איינע אַליין בין איך דאָ מיט דיר אויפן אינדזל, און דו ביסט נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך. כ'האָב מורא געקראָגן, — זי האָט לייכט אַ ציטער געטאָן, — און איך האָב נישט געוווסט, וואָס טוט מען דאָ.

— ווי-זשע האָסטו זיך אַן עצה געגעבן ?

— נו, כ'האָב זיך אַן עצה געגעבן ווי-עס-איז. און מער פאַר אַלץ האָב איך זיך געשראָקן טאָמער שטאַרבסטו מיר

אוועק פון הונגער. די פּלעצל, וואָס זיינען פאַרבליבן, האָב איך אַלע אויסגעוויקט און דיר דערלאַנגט. און איצט זיינען אַרום פאַראַן בלויז פיש. און וואָס איז דאָס פאַר אַ קראַנקן פאַר אַן עסן, געזאַלצענע פיש? נו, ווי כ׳האָב נאָר דערזען, אַז דו נעמסט זיך רירן און עפנסט די אויגן, איז מיר גרינגער געוואָרן.

דער פּאָרוטשניק האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט. ער האָט אוועקגעלעגט זיינע דינע, שיינע, נישט געקוקט אויפן שמוץ, פינגער אויף מאַריוטקאַס האַנט-געלענק. ער האָט שטיל אַ גלעט געטאָן און געזאָגט:

— אַ דאַנק דיר, טייערינקע!

מאַריוטקאַ האָט זיך פאַררויטלט און אָפּגערוקט זיין האַנט.

— דאַנק נישט!.. נישט כדאי צו דאַנקען. וואָס מיינסטו, לויט דיר קומט אויס, אַז איך דאַרף לאָזן אַ מענטשן אויסגיין? אַ חיה-רעה בין איך, צי אַ מענטש?

— אָבער איך בין דאָך אַ קאַדעט... אַ שונא. צוואָס האָסטו זיך אַרום מיר געפּאָרעט? קוים וואָס דו לעבסט אַליין.

מאַריוטקאַ איז אַ ווײַלע געבליבן שטיין, זי האָט מיט אומצוטרוי אַ צאַפּל געטאָן. זי האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך צעלאַכט.

— וואָס פאַר אַ שונא ביסטו? קענסט אַפילו קיין האַנט נישט אויפהויבן, וואָס פאַר אַ שונא ביסטו מיר? שוין דער גורל מיינער אַזאַ. כ׳האָב דיך באַלד לכתחילה נישט אוועקגעלעגט אויפן אָרט, כ׳האָב נישט געטראָפן, נו, מוז איך זיך איצט אַרומשלעפּן מיט דיר. נו, עס!

זי האָט צוגערוקט צום פּאָרוטשניק דעם קעסל, ווו ס׳איז אַרומגעשווומען אַ רויט שטיק פיש. ס׳האָט גענומען אַנגענעם שמעקן דאָס דורכזיכטיקע, שמעקעדיקע פלייש.

דער פּאָרוטשניק האָט שטיקלעכווייז אַרויסגענומען די פיש פון קעסל. ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט.

— נאָר שרעקלעך געזאַלצן. עס ברענט פשוט אין האַלדז.

— כ'וועט גאָרנישט העלפן. ווען דאָס וואַסער וואָלט גע־ווען זיס — וואָלט מען געקענט אויסווייקן, אָבער אַזוי איז אַן אמתער בראָך. די פיש איז געזאַלצן — און דאָס וואַסער איז געזאַלצן? מיר זיינען גוט אַריינגעפאַלן, אַ כאָליערע אויף די פיש!

דער פּאָרוטשניק האָט אָפּגערוקט דעם קעסל.

— וואָס? מער ווילסטו נישט?

— ניין. כ'האָב זיך אָנגעגעסן. עס אַליין.

— נו, צום טייוול! די פיש זענען מיר איבער דער וואָך נמאס געוואָרן, עס שטייט מיר ממש אין האַלדז.

דער פּאָרוטשניק איז געלעגן אונטערגעשפּאַרט מיטן אָרעם.

— עך!.. ס'וואָלט געווען אַ רויכער צו טאָן! האָט ער מיט בענקשאַפט געזאָגט.

— רויכערן? אַזוי רעד. אין סעמיפּאַנניס זעקל איז געבליבן מאַכאָרקע. אַביסל געווען נאַס, האָב איך זי אויסגעטריקנט. גע־ווּסט, אַז דו וועסט וועלן. אַ רויכערער וויל נאָך אַ קרענק נאָך שטאַרקער. אָט האָסטו, נעם.

דער פּאָרוטשניק האָט געריירט גענומען אַביסל טאַבאַק. די פינגער האָבן אים געציטערט.

— ביסט אַן אמתע גאָלד, מאַשע! בעסער ווי אַן אַם!

— און דו וואָלסט אָן אַן אַם נישט געקאָנט לעבן, — האָט טרוקן אָפּגעענטפערט מאַריוטקאַ און איז בשעת־מעשה רויט געוואָרן.

— נאָר קיין פּאַפּיר איז נישטאָ. אייער מאַלינעדיקער האָט ביי מיר צוגענומען דאָס לעצטע שטיקל שוים־פּאַפּיר, און די פּיפּקע האָב איך אָנגעוווירן.

— פּאַפּיר... — האָט זיך מאַריוטקאַ פאַרטראַכט.

דערנאָך האָט זי מיט אַן אַנטשלאָסענער באַוועגונג אויפ־געבונדן די פאָלע פון פעלץ, מיט וועלכן דער פּאָרוטשניק איז געווען צוגעדעקט; זי האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קע־

שענע און אַרויסגעשלעפּט אַ קליין פּעקעלע.

זי האָט אויפגעבונדן דאָס שטריקל און דערלאַנגט דעם פּאָרוטשניק עטלעכע בלעטלעך פּאַפּיר.

— נאַ דיר צו וויקלען.

דער פּאָרוטשניק האָט גענומען די בלעטלעך און זיי אַ ווײַלע באַטראַכט. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף מאַריוטקען. זיי האָבן אַ גלאַנץ געטאָן מיט אַ פֿאַרוואונדערטער בלויער קאָליר.

— אָבער דאָס זײַנען דאָך דײַנע פּערזן? ביסט פֿון זינען אַראָפּ? כ׳וועל נישט נעמען!

— נעם, טײַוול! צערײַס מיר נישט דאָס האַרץ, אַ רוח אין די פּיש אַרײַן! — האָט מאַריוטקאַ אויסגעשריגן.

דער פּאָרוטשניק האָט אויף איר אַ קוק געטאָן.

— אַ דאַנק! איך וועל עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן!

ער האָט אָפּגעריסן אַ קליין שטיקעלע פֿון עק, אַרומגעוויקלט אַ ביסל מאַכאָרקע, פֿאַררויכערט. ער האָט געקוקט ערגעץ ווײַט, דורך דער בלויליכער רויך-סטענגע.

מאַריוטקאַ האָט אים עקשנותדיק אָנגעקוקט.

אומגעריכט האָט זי אַ פֿרעג געטאָן:

— אָט קוק איך אויף דיר און קען נישט פֿאַרשטיין, פֿון וואַנען האָסטו אַזעלכע בלויע אויגן? מײַן גאַנץ לעבן האָב איך קיינמאָל אַזעלכע אויגן נישט געזען. די בלויקייט איז אַזאַ, אַז מ׳קען ממש דערטרונקען ווערן אין איר.

— איך ווייס נישט, —האָט דער פּאָרוטשניק געענטפֿערט— כ׳בין באַלד געבוירן געוואָרן מיט זיי. אַ סך האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן אַן אומגעוויינלעכע פֿאַרב.

— אמת!.. דערמאָלט נאָך, ווען מיר האָבן דיך געפֿאַנגען האָב איך באַלד אַ טראַכט געטאָן: וואָס פֿאַר אַן אויגן ער האָט עס! געפֿערלעכע אויגן האָסטו!

— פֿאַר וועמען?

— געפערלעך פאר ווייבער. זיי קריכן פשוט גלייך אין הארץ אריין, זיי פארכישופן!

— און דיך האבן זיי פארכישופט?

מאריוטקא האט זיך אנגעצונדן.

— נא דיר, טייוול! פרעג זיך נישט! ליג, און איך וועל גיין נאך וואסער.

זי האט זיך אויפגעהויבן, גלייכגילטיק גענומען דעם קעסל, נאר בעת זי איז ארויסגעגאנגען פון הינטער די פיש-הויפנס, האט זי זיך פריילעך אויסגעדרייט און געזאגט, ווי אמאל:

— נארעלע דו מיינער, בלויאויג־קער!

קאפיטל אכט,

וואס פאדערט נישט קיין שום פירושים.

די מערץ-זון איז דער צוריקקער פונם פרילינג.

די מערץ-זון איבער אראל, איבער דער סאמעטער בלוי-קייט, צערטלט און בייסט-איין מיט הייסע ציין און צעווארעמט אין מענטשן דאס בלוט.

שוין דער דריטער טאג, ווי דער פארוטשניק גייט ארום.

ער איז געזעסן ביים שייער, געווארעמט זיך אויף דער זון, ארומגעקוקט זיך ארום מיט דערפרייטע, תחית-המתים אויפ-געשטאנענע אויגן, בלויע, ווי די בלויקייט פון ים.

מאריוטקא האט דערווייל געגישטערט אויפן אינדזל.

דעם לעצטן טאג איז זי ביים זון-פארגאנג געקומען צו-גיין א דערפרייטע.

— הער! מארגן ציען מיר זיך איבער!

— וווהין?

— דאָרט ווייטער. אַן ערך אַכט וויאָרסט פון דאַנען.

— וואָס איז דאָרט אַזוינס ?

— כ׳האָב געפונען אַ ליימענע פישער-שטוב. אַן אמתער פּאַלאַץ ! טרוקן, וואַרעם, אין די פענסטער זייַנען אַפילו גאַנץ די שויבן. מיט אַן אויוון, מיט נישקשהדיקע ליימענע כּלים, אַלץ וועט צונוצקומען אין דער באַלעבאַטישקייט. און דער עיקר עס זייַנען דאָ טאַפּטשאַנעס. מיר וועלן זיך מער נישט וואַלגערן אויף דר׳ערד. מ׳האָט באַלד געדאַרפט אַהין גיין.

— ווער-זשע האָט געקענט וויסן ?

— אָט דאָס איז דאָך די מעשה ! און אויסערדעם האָב איך עפּעס געפונען. אַ ווילדע מציאה !

— וואָס ?

— אַ באַהעלטעניש איז דאָרט פאַראַן, הינטערן אויוון. מ׳האָט דאָרט באַהאַלטן שפּייז. נו, איז אַ ביסעלע געבליבן. רייז און אַ האַלבער פּוד מעל. אַ ביסל צוגעפוילט, אָבער עסן קען מען. מסתּמא זייַנען זיי האַרבסט-צייַט, ווען ס׳האָט אַ כאַפּ געטאָן דער שטורעם, זיך צעלאָפן אַ היים און פאַרגעסן אין איילעניש מיטצונעמען. איצט וועלן מיר אַ לעב טאָן !

אין דערפרי האָבן זיי זיך אַריבערגעצויגן אין דער נייער דירה. פּאָרויס איז געגאַנגען מאַריוטקאַ, ווי אַ באַלאָדענער קעמל. זי האָט אַלץ אַליין געשלעפּט, נישט געלאָזט דעם פּאָרוטשניק נעמען קיין שום זאַך.

— זאָל דיך דאָרט ! וועסט נאָך ווידער קראַנק ווערן. דיר איז שווערער. האָב נישט קיין מורא ! כ׳וועל דערשלעפּן ! איך בין נאָר אויסערלעך אַזוי איידל, אָבער געזונט בין איך !

ביז מיטאָג האָבן זיי זיך געשלעפּט צום ליים-שטיבל. זיי האָבן אָפּגערוימט דעם שניי, צוגעבונדן מיט אַ שטריק די אָפּגעריסענע טיר. זיי האָבן אָנגעפּאַקט אַ פולן אויוון מיט פיש, פאַנאַנדערגעברענט אַ פייער און מיט אַ גליקלעכן שמייכל גענעצט זיך וואַרעמען.

— אַ מחיה !.. קעניגלעך!

— מאַלאַדיעץ, מאַשאַ! ביזן טויט וועל איך דיר זיין דאַנקבאַר. איך וואָלט אָן דיר נישט געבליבן לעבן.

— פאַרשטייט זיך, אַן איידל-קינד!

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן, רייבנדיק זיך די הענט איבערן פייער.

— וואַרעם, וואַרעם... נו, און וואָס טוען מיר ווייטער?

— וואָס האָבן מיר צו טאָן? וואַרטן!

— אויף וואָס וואַרטן?

— אויף פרילינג. שוין נישט לאַנג. איצט איז האַלבער מערץ. נאָך אַ צוויי וואָכן — די פישער וועלן מסתמא קומען צופאָרן אַרויסהענגען פיש, נו, וועלן זיי אונדז ראַטעווען.

— ס'וואָלט געווען פיין. מיר וועלן לאַנג נישט דערשלעפן אַזוי, מיט פיש און פאַרפוילט מעל. אַ צוויי וואָכן וועלן מיר אויסהאַלטן, און ווייטער נישט, אַ כאָליערע אויף די פיש.

— וואָס איז עס פאַר אַ ווערטל — אַ כאָליערע אויף די פיש? פון וואַנען?

— אונדזער אַסטראַכאַנער. די פישער רעדן אַזוי. דאָס איז, אָנשטאָט צו שעלטן. איך האָב נישט ליב צו שעלטן, און די בייזקייט טוט אַ מאָל אַ נעם. איז אָט אַזוי ווערט מיר לייכטער.

זי האָט אַ שאַר געטאָן מיטן ביקס-שטעמפל די פיש אין אויוון און געפרעגט:

— דו האָסט מיר דערציילט די מעשה, וועגן דעם אינדזל... מיט פרייטיקן. אָנשטאָט אַזוי צו זיצן — דערצייל. איך האָב זייער ליב מעשות. ס'פלעגט טרעפן, ווען עס פלעגן זיך צונויפקומען ביי דער מומען ווייבער, פלעגן זיי אַריינשלעפן די אַלטע גוגניכע. זי איז אַלט אפשר הונדערט יאָר, און אפשר נאָך מער. זי האָט נאָך געדענקט נאַפּאָליעוואָנען. פלעגט זי נאָר אָנהויבן דערציילן מעשות, פלעגט איך פשוט אויסגיין אין מיין ווינקל. אַ שוידער פלעגט מיך אַדורכנעמען, כ'האָב מורא געהאַט צו

5. דער איינאונפערציקסטער.

פאַרהערן אַ וואָרט.

ווען ראָבינזאָנען דערציילן דיר? כ׳האָב שוין באַלד פאַרגעסן. שוין לאַנג עס געלייענט.

טאָ דערמאָן זיך. דערצייל מיר אַלץ, וואָס דו ווייסט זיך דערמאָנען!

גוט. כ׳וועל זיך באַמיען.

דער פּאָרוטשניק האָט האַלב געשלאָסן די אויגן, דער־מאָנענדיק זיך.

מאַריוטקאַ האָט אויסגעלעגט דעם פעלץ אויף די ברעטער, פאַרנייגט זיך אין ווינקל ביים אויוון.

קום, זעץ זיך דאָ! דאָ איז וואַרעמער, אין ווינקל.

דער פּאָרוטשניק האָט זיך אַריינגערוקט אין ווינקל. דער אויוון האָט זיך פאַנאַנדערגעברענט און באַגאָסן זיי מיט אַ פריי־לעכן פלאַם.

נו, וואָס קלערסטו אַזוי? הויב שוין אָן אַמאָל. כ׳האָב שוין קיין געדולד נישט. איך האָב אַזוי ליב מעשות.

דער פּאָרוטשניק האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין אָרעם. ער האָט אָנגעהויבן.

אין דער שטאָט ליווערפּול האָט געוווינט אַ רייכער מאַן. ער האָט געהייסן ראָבינזאָן קרוזאָ...

וווּ איז די דאָזיקע שטאָט?

אין ענגלאַנד... האָט געוווינט אַ רייכער מאַן, ראָבינ־זאָן קרוזאָ...

וואַרט!... אַ רייכער, זאָגסטו? און פאַרוואָס, זאָג מיר, דערציילט זיך אין אַלע מעשות נאָר וועגן רייכע און שררות? און וועגן דעם אָרעמען מענטשן האָט מען קיין איין מעשה נישט אויסגעטראַכט.

— איך ווייס נישט, — האָט דער פּאָרוטשניק פאַרטראַכ־טערהייט געענטפערט, — דאָס איז מיר קיינמאָל נישט געקו־מען אויפן רעיון.

— ווייזט אויס, נאָר רייכע האָבן געשריבן מעשׂות. דאָס איז אַלץ איינס, ווי איך. איך וויל אָנשרייבן אַ ליד, און בין נישט געלערנט און איך וואָלט שוין ווי ס׳דאַרף צו זיין אָנגעשריבן וועגן דעם אָרעמן מענטשן. נאָר גאָרנישט. כ׳וועל זיך צולערנען, וועל איך אָנשרייבן.

— יאָ, האָט דערדאָזיקער ראָבינזאָן קרוזאָ באַשלאָסן זיך צו לאָזן אין וועג אַריין און אַרומצופאָרן די גאַנצע וועלט אַרום און אַרום. אַ קוק טאָן, ווי מענטשן לעבן. און ער איז אַרויסגעפאָרן פון שטאָט מיט אַ גרויסער זעגל־שיף.

דער אויוון האָט געקנאַקט, מיט געלאָסענע טראָפּנס האָט געטריפט דעם פּאָרושטניקס שטים.

ער האָט זיך פּאַמעלעך דערמאָנט און באַמיט זיך צו דערציילן מיט אַלע פּיטשעווקעס.

מאַריוטקאַ איז פאַרגליווערט געוואָרן, צוהערנדיק זיך; זי האָט געזיפצט פון אַנטציקונג ביי די אינטערעסאַנטע ערטער פון דער מעשה.

ווען דער פּאָרוטשניק האָט געשילדערט, ווי ראָבינזאָנס שיף איז צעקלאַפּט געוואָרן, האָט מאַריוטקאַ מיט פאַראַכטונג אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און אַ פרעג געטאָן:

— הייסט עס, אַז אַלע, אויסער אים, זיינען דערטרונקען געוואָרן?

— יאָ, אַלע.

— ווייזט אויס, זייער קאַפּיטאַן האָט געהאַט אַ נאַרישן קאָפּ אָדער ער האָט זיך אָנגעזויפּט פריער אויף טויט. איך וועל קיינמאָל נישט גלויבן, אַז אַ גוטער קאַפּיטאַן זאָל אַ גאַנצע שיף מיט מענטשן פּטרן סתם אין דער וועלט אַריין. וויפיל קאַטאַסטראָפעס זיינען עס ביי אונדז פאָרגעקומען, אויפן קאַספּישן ים, — און דאָך זיינען דערטרונקען געוואָרן נאָר צוויי־דריי מענטשן, און די איבעריקע, זעסטו, האָבן זיך געראַטעוועט.

— פאַרוואָס? אָט זיינען ביי אונדז דערטרונקען געוואָרן

סעמיאַנני און וויאַכיר. הייסט עס, אַז דו ביסט אַ שלעכטער קאַפּיטאַן אָדער דו האָסט זיך פאַר דער קאַטאַסטראָפע אָנגעזויפט ?

מאַריוטקאַ איז געוואָרן צעטומלט.

— זעסט, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, אַ רוח אין די פיש אַריין. נו, דערצייל ווייטער.

אין דעם מאָמענט, ווען פרייטיק האָט זיך באַוויזן, האָט מאַריוטקאַ ווידער איבערגעשלאָגן זיינע רייד :

— אָט דערפאַר האָסטו מיר אַ נאָמען געגעבן פרייטיק ? כלומרשט ווי דו וואָלסט געוועז, הייסט עס, ראָבינזאָן ? און פרייטיק, זאָגסטו, איז געוועז אַ שוואַרצער ? אַ נעגער ? איך האָב געזען אַ נעגער. אין צירק אין אַסטראַכאַן איז איינער געוועז. אַ קודלעוואַטער, און די ליפּן — הו ! אַ שרעקלעכע מאָרדע ! מיר זיינען אים נאָכגעלאָפן, געוויזן אַ פּאָלע און געשריגן : נאַ, פאַרזוך אַ חזירשן אויער. ער איז געוועז אויסער זיך נישט אויף קיין געלעכטער. ער האָט געוואָרפן שטיינער.

בעת דער מעשה וועגן דעם אָנפאַל פון די ים-רויבער, האָט מאַריוטקאַ אַ גלאַנץ געטאָן מיט די אויגן :

— צען אויף איינעם ? אַ כאָליערע אויף די פיש !

דער פּאָרוטשניק האָט געענדיקט. מאַריוטקאַ האָט זיך פאַרטרוימט איינגעדרייט אין אַ ווינקל און זיך צוגעדריקט צו זיין אַקסל.

— אָט אַזוי איז גוט. קענסט נאָך אַ סאַך מעשות ? וועסט מיר יעדן טאָג דערציילן איינע.

— נו, וואָס ? ס'איז דיר געפעלן ?

— פיין. אַ שוידער גיט אַ כאַפּ. אָט אַזוי וועלן מיר צו-יאָגן די צייט. די צייט וועט גיך פאַרביי.

דער פּאָרוטשניק האָט אַ געניץ געטאָן.

— ביסט שלעפעריק ?

— ניין... איך בין אָפּגעשוואַכט נאָך דער קרענק.

אַך דו, שוואַכינקער !

מאַריוטקאַ האָט ווידער אויפגעהויבן די האַנט און צערטלעך אַ גלעט געטאָן דעם פּאָרוטשניק איבער די האָר. ער האָט פאַרחידושט אויפגעהויבן אויף איר זיינע בלויע אויגן.

זיי האָבן אָנגעצונדן אַ פלאַם אין מאַריוטקאַס האַרץ. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער זיין קאָפּ, געפונען זיינע ציטערנדיקע ליפּן; האַרט און גלייך האָט זי צו זיי צוגעפּרעסט אירע פאַרהאַרטעוועטע, טרוקענע ליפּן.

קאַפּיטל ניין,

אין וועלכן עס ווערט אויפגעוויזן, אַז הגם דאָס האַרץ האָט נישט קיין שום געזעצן, דאָך ווערט דאָס באַוווסטזיין געפאָרעמט פונם לעבן.

דער איינאונפערציקסטער האָט אויף מאַריוטקעס טויטצעטל געזאָלט זיין דער גוואַרדיע-פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ-אָטראָק.

און געוואָרן איז ער דער ערשטער אויפן צעטל פון איר מיידלשער פרייד.

אין מאַריוטקעס האַרץ האָט אויפגעבליט אַן אומבאַהערשט געפיל צום פּאָרוטשניק, צו זיינע איידעלע הענט, צו זיין שטילער שטים, און קודם-כל צו דער אומגעווייגלעריצער בלויקייט פון זיינע אויגן.

פון איר, פון דער דאָזיקער בלויקייט, האָט אַ קלינגנדיקער פלאַם פאַרגאָסן די ברוסט, ס'האָבן געציטערט און געבויגן זיך די קני.

דעמאָלט פלעגט זי פאַרגעסן אָן דעם אומעטיקן ים אַראַל, אָן דעם נודנעם געשמאַק פון די געזאַלצענע פיש און אָן דאָס פאַרפוילטע מעל; ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעשוווּמען אָן אַ שפור

די טרויעריקע בענקשאַפט צום לעבן, וואָס האָט געפלאַמט און געהילכט אויף יענער זייט טונקעלע ים-שטחים.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געטאָן איר געוויינלעכע אַרבעט, געבאַקן פלעצל, געקאָכט פאַסקודנע פיש, וואָס פון זיי האָבן זיך אויף די יאַסלעס געמאַכט קיילעכדיקע בלעזלעך; טיילמאָל פלעגט זי אַרויס צום ברעג אויסקוקן, צי וועט זיך נישט באַפליגלען אין אַ קרומען פלי די אָפּגעוואָרטע שיף.

אין אָוונט, ווען די זון האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון הימל, האָט זי זיך איינגעקנוילט אין ווינקל אויף די נאַרעס, זיך צוגעהערט, צוגעטוליעט צום פּאָרוטשניקס אָרעם.

אַ סך האָט איר דער פּאָרוטשניק דערציילט. ער האָט געקענט דערציילן.

און ביינאַכט האָט זי זיך געעפנט, אַן הכנעהדיקע, אַ צאַרטע, ווי אַ יונגע קיעלע, צו די פלאַמענדיק - ברענענדיקע צערטלעכקייטן, זי איז אין זיי פאַרזונקען געוואָרן, זי איז אין זיי אומגעקומען.

זי פלעגט אַנטשלאָפן ווערן אַ מידע, מיט אַ גליקלעכן ציטער אויף די ליפּן, מיט אַ שיינענדיקן פנים, וואָס האָט, ווי פאַרצעלאַן, געגלאַנצט מיט אַן אינערלעכן פייער.

טעג זיינען געגאַנגען געלאַסענע, פאַרשלאָפענע, ווי כוואַליעס.

איינמאָל, בעת ער האָט גערוט אויף דער זון, ביי דער שוועל פון שטוב, פאַרקוקט אויף מאַריוטקאַס פינגער, וואָס האָבן מיט דער געוויינלעכער שנעלקייט געשאָבן די שופּן פון אַ פעטן פיש, האָט זיך דער פּאָרוטשניק, זשמורנדיק די אויגן און הויבנדיק מיט די אַקסלען, אָנגערופן:

— הם... וואָס פאַר אַן אומזין, צום טייוול!...

— וואָס, טייערער?

— אַן אומזין, זאָג איך... דאָס גאַנצע לעבן, אַ פּשוטער אומזין. די פּרימיטיווע באַגריפן, די געפּריידיקטע אידעאַלן,

שטותעריי ! אָפּגערעדטע צייכנס, ווי אויף אַ טאָפּאָגראַפישער קאַרטע. אַ גוואַרדיע-פּאָרוטשניק ?.. צום טייוול מיטן גוואַרדיע-פּאָרוטשניק. לעבן וויל איך. כ'האָב שוין אַדורכגעלעבט זיבן און צוואַנציק יאָר און איך זע, אַז אייגנטלעך האָב איך נאָך אינגאַנצן נישט געלעבט. כ'האָב צעטרענצלט אַ סך געלט, גע-וואַלגערט זיך איבער גאָר דער וועלט. געזוכט אַן אידעאַל, און אין האַרצן האָט כסדר גענאָגט אַ טויטלעכע בענקשאַפט, ווייל ס'איז מיר געווען פּוסט און שלעכט. טראַכט איך זיך איצ-טער, — ווען עמיצער וואָלט מיר דעמאָלט געזאָגט, אַז די סאַ-מע פּולסטע טעג פון מיין לעבן וועל איך פאַרברענגען אָט דאָ, אויף אַ נאַרישער, נעבאַכדיקער בלינצע, ביי אַ נאַרישן ים, — וואָלט איך בשום אופן נישט געגלויבט.

— וואָס זאָגסטו, וואָס פאַר אַ טעג זיינען עס ?

— די סאַמע פּולסטע. פאַרשטייסט נישט ? ווי זאָל איך דיר געבן עס צו פאַרשטיין ? נו, אַזעלכע טעג, ווען דו פילסט זיך נישט אָוועקגעשטעלט קעגן דער גאַנצער וועלט, ביסט נישט קיין אָפּגעזונדערטע טייל, גרייט צו אַ זעלבסטשטענדיקן קאַמף, נאָר דו צעשמעלצסט זיך אין אָט דער, — ער האָט ברייט אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט, — ערדישער מאַסע. איך פיל איצט, איך האָב זיך מיט איר אויף אייביק צונויפגעגאָסן. איר אָטעם איז מיין אָטעם. אָט איז דער אָטעם : שורפ... שורפ... נישט ער אָטעמט עס, נאָר איך, מיין נשמה, מיין לייב.

מאַריוטקאַ האָט אָוועקגעלעגט דאָס מעסער.

— דו רעדסט געבילדעט, נישט אַלע ווערטער פאַרשטיי איך. און איך וועל דיר זאָגן פּראָסט פּשוט : איך בין איצט גליקלעך.

— פאַרשיידענע ווערטער, אָבער ס'קומט אַרויס דאָס זעל-בע. און איצט דוכט זיך מיר, — אַז ס'וואָלט גוט געווען נישט אָוועקצוּוואַרפן דעם נאַרישן, הייסן זאַמד, פאַרבלייבן דאָ אויף אייביק, פּרעגלען זיך אויף דער זון, לעבן ווי אַ פריידיקע חיה.

מאַריוטקאַ האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויפן זאַמד, גלייך ווי זי וואָלט זיך דערמאָנט אָן עפּעס וויכטיקס. מילד-איינגעמענדיק האָט זי זיך צעלאַכט.

— ניין... קוקט אים נאָר אָן !.. איך וואָלט דאָ נישט געבליבן. דאָ איז זייער פויל, מ׳קען דאָ איינגאַנצן צעקראָכן ווערן. נישטאָ אַפילו וועמען צו ווייזן דאָס ביסל גליק. אַרום — נאָר געפּגרטע פיש. וואָלטן כאָטש די פישער וואָס גיכער געקומען פאַנגען פיש. שוין נאָענט צום סוף מערץ. עס בענקט זיך מיר נאָך לעבעדיקע מענטשן.

— און מיר לעבן דען נישט ?

—לעבן, לעבן מיר טאַקע, אָבער פון דעם ביסל מעל וועט איבעראַכטאָג בלייבן אַ ביסל צעפוילטע שטויב, און אַז די שקאָרבוט-קרענק וועט אונדז אַריינקריכן אין די ביינער, וואָס וועלן מיר דעמאָלט זינגען? און חוצדעם נעם אין באַטראַכט, ליבינקער, אַז איצט איז נישט קיין צייט צו זיצן הינטערן אויוון. דאָרט שלאָגן זיך אונדזערע, באַרעכן נאָר, זיי פאַרגיסן דאָרט בלוט. דאָרט איז וויכטיק יעדע האַנט. איך קען נישט אין אַזאַ פאַל זיצן אין ווינקל. נישט דערצו האָב איך אָפּגעגעבן אַ זעלנערשע שבועה.

דעם פאָרוטשניקס אויגן האָבן פון גרויס חידוש אַ בליץ געטון.

— וואָס רעדסטו ? ווילסטו ווידער גיין דינען ?

— נאָר וואָס דען ?

דער פאָרוטשניק האָט, שווייגנדיק, געדרייט אין האַנט אַ טרוקן שפּענדל, וואָס איז געווען אָפּגעריסן פון שוועל. עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן ווערטער, ווי אַ פולער, געלאַסענער שטראָם :

— ביסט אַ מאָדנע ! אָט וואָס איך האָב דיר געוואָלט זאָגן, מאַשענקאַ : ס׳איז מיר נמאס געוואָרן די דאָזיקע משוגעת. אַזוי פיל יאָרן בלוט און רשעות. איך בין דאָך נישט געבוירן געוואָרן קיין זעלנער. איך האָב אַמאָל געפירט אַ שיין, מענטשלעך לעבן.

ביז דער מלחמה מיט די דייטשן האָב איך שטודירט פילאָלאָגיע, כ׳האָב געלעבט צווישן מיינע טייערע, געליבטע, טרייע ביכער. אַ סך ביכער געהאַט. דריי ווענט פון צימער ביז סופיט פול מיט ביכער. טיילמאָל האָט אָוונט-צייט דער פּעטערבורגער נעפּל אַרומגעכאַפּט מיט אַ פייכטער האַנט און איינגעשלונגען די פאַרבייגייער, און אין מיין צימער איז וואַרעם, אין אויוון ברענט, דער לאָמפּ הענגט מיט אַ בלויען אַבאַזשור. זעצסט זיך מיט אַ בוך אין שטול און פילסט זיך אַזוי, ווי אַט איצטער, אָן שום דאַגות. די נשמה בליט. מ׳הערט אַפילו, ווי עס שאָרכן די בלומען. ווי מאַנדלען אין פרילינג, פאַרשטייסט?

— מ-הם, — האָט מאַריוטקאַ אָנגעכמורעט געענטפערט:

— נו, אין אַ געוויסן טאָג האָט אַלץ געפּלאַצט, צעפלויגן זיך, צעלאָפן... איך געדענק, ווי היינט, יענעם טאָג. איך בין געזעסן אויף זומער-וווינונג אויף דער טעראַסע און האָב געלייענט, איך געדענק נאָך אַפילו דאָס בוך. אַ טונקעלער, רויטער זון-פאַרגאַנג האָט אַלץ פאַרגאָסן מיט אַ בלוטיקער שיין. מיטן צוג פון שטאָט איז געקומען דער טאַטע. אין האַנט אַ צייטונג, געוועזן זייער אויפגערעגט. ער האָט געזאָגט בלויז איין וואָרט, אָבער אין דעם וואָרט איז געלעגן אַן אייזערנע, טויטע משא: מלחמה... אַ שרעקלעך וואָרט איז עס געוועזן, בלוטיק, ווי יענער שקיעה. און דער טאַטע האָט צוגעגעבן: „וואַדים, דיין עלטער-זיידע, זיידע און טאַטע זיינען געגאַנגען אויפן ערשטן רוף פון פאָטערלאַנד, איך האָף, אַז דו?..״ נישט אומזיסט האָט ער געהאָפט. כ׳האָב אַוועקגעוואָרפן די ביכער. און בין אַוועק דעמאָלט מיטן גאַנצן ברען...

— מאָדנער מענטש! — האָט מאַריוטקאַ אַ וואָרף געטון, הויבנדיק מיט די אַקסלען, — וואָס איז דען, ווען מיין עלטער וואָלט זיך, למשל, שיכורערהייט צעקלאַפּט דעם קאָפּ, דאַרף איך אויך זיך צעקלאַפּן? איך פאַרשטיי נישט אַזאַ זאַך!

דער פּאָרוטשניק האָט אָפּגעזיפצט.

— יאָ, דו וועסט עס קיינמאָל נישט פאַרשטיין. קיינמאָל איז אויף דיר נישט געלעגן די דאָזיקע משא. דער נאָמען, דער כבוד פון דער פאַמיליע. אַ חוב... מיר האָבן זיך געגרויסט דערמיט.

— נו ? איך האָב דאָך אויך ליב מיין פאַרשטאָרבענעם טאַטן, און ווען ער זאָל זיין אַ נאַרישער שיכּור, מוז איך גאָר נישט זיין אַזוי ווי ער. האָסט געדאַרפט שיקן דעם עלטערזיידן צו דער עלטער-באָבען !

דער פאָרוטשניק האָט קרום און בייז אַ שמייכל געטאָן:

—כ׳האָב נישט געשיקט. און די מלחמה האָט פאַרענדיקט. מיט די אייגענע הענט האָב איך דערטרונקען מיין מענטשלעך, לעבעדיק האַרץ אויפן אַלוועלטלעכן מיסטקאַסטן, אין דער פאַרשיווער מלחמה. איז געקומען די רעוואָלוציע. איך האָב געגלויבט אין איר, ווי אין אַ געליבטער... און זי... איך האָב אין משך פון מיין גאַנצער אָפיצירן-אַמט קיינמאָל קיין זעלנער נישט אָנגערירט מיט קיין פינגער, און די דעזערטערן האָבן מיך אויפן וואָקזאַל אין האָמעל געכאַפּט, אַראָפּגעריסן די שליפעס, אין פּנים מיר געשפּיגן, אויסגעשמירט מיט שטינקענדיקער פליסיקייט. פאַרוואָס? כ׳האָב דערזען, אַט די רעוואָלוציע האָט אַ קרומע, סיפיליטישע, שיכּורשע מאָרדע... כ׳בין אַנטלאָפן, דערשלאָגן זיך צו אַראַל. כ׳האָב נאָך געגלויבט אין פאָטערלאַנד. ווידער קעמפן פאַר דאָס געשענדעטע פאָטערלאַנד. פאַר מיינע געשענדעטע שליפעס. כ׳האָב געקעמפט און געזען, אַז ס׳איז נישטאָ מער קיין פאָטערלאַנד, אַז דאָס פאָטערלאַנד איז פונקט אַזאַ נישטיקייט, ווי די רעוואָלוציע; ביידע האָבן ליב וואַרעם בלוט. און פאַר די שליפעס איז נישט כדאי זיך צו שלאָגן. און כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן דאָס אמתע, איינציקע, מענטשלעכע פאָטערלאַנד — דעם געדאַנק. כ׳האָב זיך דערמאָנט אָן די ביכער. איך וויל זיך צו זיי אומקערן, איינגראָבן זיך, אויסבעטן פאַרגעבונג, לעבן מיט זיי, און דער

מענטשהייט — פאַר איר פאָטערלאַנד, פאַר איר רעוואָלוציע, פאַר דעם טייוולשן מיסט — אַ שפּיי טאָן אין פּנים.

— אַזוי!.. הייסט עס, זאָל זיך די ערד אויף צווייען צעפּלאַצט ווערן, מענטשן זאָלן זוכן דעם אמת, פּייניקן זיך אין בלוט, און דו וועסט הינטערן אויוון לייענען מעשהלעך?

— כ'ווייס נישט... און וויל נישט וויסן, — האָט ביז אויסגעשריגן דער פּאָרוטשניק, אויפהויבנדיק זיך האַסטיק פון אָרט, — איך ווייס נאָר איינס; מיר לעבן-איבער דעם בין־השמשות פון דער ערד. האָסט גוט געזאָגט: — „זי ווערט צעפּלאַצט אויף צווייען". יאָ, פּלאַצט, טראַסקעט, דער אַלטער פּגר! אויסגעליידיקט, אויסגעהוילט. טאַקע צוליב אָט דער פּוסט־קייט גייט ער אונטער. אַמאָל איז די ערד געווען יונג, פּרוכט־באַר, נישט געפּאָרשט, געצויגן צו זיך מיט אירע פרעמדע לענדער, מיט די אומצייליבאַרע אוצרות. ס'האָט זיך געענדיקט. נישטאָ מער וואָס צו אַנטדעקן. די גאַנצע מענטשלעכע דורכ־געטריבנקייט לאַדעוועט זיך אויס, כּדי צו ראַטעווען די אָנגע־זאַמלטע עשירות, דערציִען נאָך אַ יאָרהונדערט, אַ יאָר, אַ רגע. טעכניק. טויטע ציפערן. און דער געדאַנק, וואָס איז פאַרדאָרבן דורך די ציפערן, פּלאָגט זיך איבער דער אויפגאַבע פון פאַר־ניכטונג. וואָס־מער מענטשן אומברענגען, כּדי די איבעריקע זאָלן לענגער קענען אָנפילן זיך די בייכער און די קעשענעס. צום טייוול!.. איך וויל נישט קיין שום אמת, אויסער דעם אייגענעם. צי האָבן דיינע באָלשעוויקעס געפונען דעם אמת? זיי ווילן די לעבעדיקע מענטשלעכע נשמה פאַרטרעטן מיט באַפעלן און שפּייז־פּאָרציעס? גענוג! אי'ך בין אַוועק פון דערדאָזיקער שפּיל! איך וויל זיך מער נישט פּאַטשקען.

— אַ פריץ? אַ מפונק? לאָזן זיך די אַנדערע פאַר דיינעט־וועגן גראָבן אין מיסט?

— יאָ! זאָל זיין! זאָל זיין, צום טייוול! אַנדערע, — וועמען עס געפעלט. הער, מאַשאַ! ווי־נאָר מיר וועלן זיך פון

דאַנען אַרויסקריגן, ווען מיר אײַעקפאָרן קיין קאַווקאַז. איך האָב דאָרט הינטער סוכום אַ קליינע זומער־וווינונג. איך וועל דאָרט אָנקומען, וועל איך זיך געמען צו די ביכער, און אַל· דאָס איבעריקע — צום טייוול. אַ שטיל לעבן, רו. איך וויל נישט מער קיין אמת, — איך וויל רו, און דו וועסט זיך לער· נען, דו ווילסט זיך דאָך לערנען? האָסט זיך אַליין באַקלאָגט, אַז דו ביסט נישט געבילדעט, טאָ לערן זיך. איך וועל פאַר דיר אַלץ טאָן, האָסט מיך געראַטעוועט פון טויט, און דאָס פאַרגעסט מען נישט.

מאַריוטקאַ איז אַנטשלאָסן אויפגעשטאַנען. זי האָט געציילט די ווערטער, גלייך ווי זי וואָלט אַרויסגעוואָרפן קנוילעכלעך פון מויל.

— איך דאַרף, הייסט עס, פאַרשטיין דיינע ווערטער אַזוי, אַז איך וועל זיך מיט דיר באַהאַלטן אונטערן איבערבעט, זיך פאָרן, בעת מענטשן הרגענען זיך אַוועק פאַר זייער אמת, און צוקערלעך פרעסן, בעת יעדעס צוקערל איז מיט בלוט באַ· שפּריצט? יאָ, צי ניין?

— פאַרוואָס אַזוי גראָב? — האָט טרויעריק געזאָגט דער פּאָרוטשניק.

— גראָב? און צו דיר דאַרף מען רעדן איידל, מיט אַ צוקערדיקער זאָפּט? ניין, וואָרט־אויס! דו האָסט דעם באָל· שעוויסטישן אמת פאַרשוועכט. וויסן, זאָגסטו, ווילסטו נישט און דו, דו האָסט אים אַמאָל ווען־עס־איז געקענט? געזען, ווי ער איז פול מיט געזאָלצענעם שווייס, מיט מענטשלעכע טרערן?

— איך ווייס נישט, — האָט דער פּאָרוטשניק אומבאַ· האָלפן געזאָגט, — ס׳איז מיר נאָר מאָדנע, וואָס דו, אַ מיידל, ביסט אויף אַזוי ווייט פאַרגרעבט געוואָרן, אַז עס ציט דיך צו שלאָגן, צו הרגענען צוזאַמען מיט שיכורע, באַלייזיקטע באַנדעס.

מאַריוטקאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן ביי די זייטן. זי האָט אַ וואָרף געטאָן:

— זייער קערפּער איז אפשר פאַרלייזיקט, אָבער דו האָסט אַ לייזיקע נשמה! ס׳איז מיר אַ חרפּה, וואָס כ׳האָב זיך מיט אַזאַ מענטשן פאַרבונדן. קריכער דו, פאַרשיווע שמאַטע! מאַשענקאַ, מיר וועלן אַוועקפאָרן, אין פון זיך וואַלגערן, רויק לעבן, — האָט זי איבן נאָכגעקרימט, — אַנדערע אַקערן די ערד פאַר אַ נייער זריעה, און דו? אַך, דו הינטישער זון!

דעם פאָרוטשניק האָט דאָס בלוט אַ קאָך געטון, ער האָט פאַרביסן די ליפּן.

— ווי דערוועגסטו זיך צו זידלען!.. פאַרגעס זיך נישט, דו כאַמקע!

מאַריוטקאַ האָט אַ שפּרייז געטאָן פאָרויס און מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אַ זעץ געטון דעם פאָרוטשניק אין זיין מאָגערע נישט געגאָלטע באַק. דער פאָרוטשניק האָט זיך אַ וואַקל געטאָן אויף צוריק, אויפגעציטערט, צונויפגעביילט די פויסטן.

עס האָט פאַמעלעך אַרויסגעשפּיגן:

—דיין גליק, וואָס דו ביסט אַ פרוי! איך האַס.. חזיריי!

און ער האָט זיך באַהאַלטן אין הייזל.

מאַריוטקאַ האָט האַלב-וואַך אַ קוק-געטאָן אויף דער בריענדיקער פויסט, אַמאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט, ווי צו קיינעם נישט:

— זעסט, פריץ מיט אַמביציע! אַך, דו, פיש-כאָליערע!

קאַפּיטל צען.

אין וועלכן דער פּאָרוטשניק גאָוואָרוכאַ־אָטראָק דערהערט אַ גערויש פון אַן אונטערגייענדיקער פּלאַנעט, און דער מחבר זאָגט זיך אָפּ פון דער אַחריות פאַרן סוף.

דריי טעג נאָך דער מחלוקת האָט דער פּאָרוטשניק נישט גערעדט מיט מאַריוטקען.

אָבער מען קען זיך אויף אַן אינדזל נישט אויסמיידן. און שלום געמאַכט צווישן זיי האָט דער פרילינג.

ער איז געפלאָסן אין אַ פריינטלעכן, פייער־שפּריצנדיקן שטראָם.

אונטער די קלעפּ פון די גאָלדענע קאָפּיטעס האָט שוין לאַנג געפּלאַצט דער דינער שניי־פּאַנצער אויפן אינדזל. ער איז געלעגן ווייך, ליכטיק־געל, קאַנאַריק־פאַרביק אויפן טונקעלן גלאָז פונם גערדיכטן וו_סער.

ביי־טאָג האָט דער זאַמד געבריט די הענט, און ס'האָט ווי געטאָן, ווען מען האָט זיך צו אים צוגערירט.

אויף דער שווערער בלויקייט האָט געגלאַנצט, ווי אַ גאָלד־דעגער, שטויביקער ראָד, די זון, געוואַשן פון די וואַרעמע ווינטן.

פון דער זון, פון די וואַרעמע ווינטן, פון דער מאַטערנ־דיקער שקאָרבוט־קראַנקהייט זיינען זיי ביידע זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיי זיינען נישט געגוויגט געוועזן צו קריגן זיך.

גאַנצע טעג זיינען זיי געלעגן אויפן ברעג זאַמד, אומ־אויפהערלעך קוקנדיק אויף דאָס אומדורכזיכטיקע גלאָז, געזוכט מיט ברענענדיקע אויגן אַ שיף.

— אַ סוף צו מיין געדולד! אויב צייט דריי טעג וועלן קיין פישער נישט קומען, וועל איך זיך געבן מיט אַ קויל אין

קאַפּ! — האָט מאַריוטקאַ געזיפצט, קוקנדיק אין דער גלייכ־גילטיקער, שווערער בלויקייט.

דער פּאָרוטשניק האָט שטיל אַ פייף געטאָן.

— דו האָסט מיך אָנגערופן שלימזל און שמאַטע, און איצט גיבסטו זיך אַליין אונטער? לייד — וועסט ווערן אַ צאַצ־קע! פאַר דיר שטייט דאָך אָפן דער וועג צו ווערן אַ צאַצ־מאַן ביי די רויבער!

— צו וואָס דערמאָנסטו אַלטע זאַכן? ביסט אַ שוטה! ס'איז געווען און איז פאַרביי. כ'האָב געזידלט, ווייל ס'איז כדאי געווען צו זידלען; ס'האָט זיך מיר דאָס האַרץ צעפלאַמט, וואָס דו ביסט אַזאַ נאַסע שמאַטע, אַן עופהלע. ס'איז אַ באַליידיקונג פאַר מיר! ד'האָסט זיך אויף מיר אָנגעזעצט, צערודערט, די גאַנצע נשמה פון מיר אַרויסגעצויגן, בלויאויגיקער טייוול.

דער פּאָרוטשניק האָט מיט אַ געלעכטער זיך אַ וואָרף געטון מיט דער פּלייצע אויפן הייסן זאַמד און אַ צאַפּל געטאָן מיט די פיס.

— וואָס איז דיר? ביסט פון זינען אַראָפּ? — האָט זיך אַ בייזער געטאָן מאַריוטקאַ.

דער פּאָרוטשניק האָט געלאַכט.

— נו, משוגענער! רעד אַ וואָרט!

אָבער דער פּאָרוטשניק האָט נישט אויפגעהערט צו שמייכלען, ביז מאַריוטקאַ האָט אים אַ זעץ געטון מיט דער פויסט אין זייט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָפּגעווישט די טרערן פון די ברעמען.

— נו, וואָס רייסטו זיך?

— ביסט אַ וווּל מיידל, מאַריאַ פילאַטאָוונאַ. קענסט יע־דערן פריילעך מאַכן. אַ טויטער וואָלט מיט דיר געטאַנצט!

— וואָס איז דען? לויט דיר איז בעסער זיך צו וואַלגערן ווי אַ קלאָץ אין וואַסער, נישט צו דעם ברעג, נישט צום צווייטן. אַז דיר אַליין זאָל זיין שלעכט, און אַנדערע נאַריש?

דער פּאָרוטשניק האָט זיך ווידער געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער. ער האָט אַ קלאַפּ־געטון מאַריוטקען איבערן אַקסל.

— גאָט איז מיט דיר, אַמאַזאָנישע קעניגין, פרייטיק דו מיין טייערער! האָסט מיך איבערגעאַנדערשט, האָסט אַריינגעגאָסן אין מיר דעם לעבנס־עליקסיר. איך וויל זיך מער נישט וואַלגערן, ווי אַ קלאָץ אין וואַסער, לויט דיין בילדלעכן ווערטערבוך. כ׳זע אַליין, אַז ס׳איז נאָך צייט צו טראַכטן וועגן אומקערן זיך צו די ביכער. נו, מ׳דאַרף נאָך לעבן, קריצן מיט די ציין, בייסן ווי אַ וואָלף, אַז די ציין זאָלן פילן!

— וואָס? ביסט באמת קליגער געוואָרן?

— קליגער געוואָרן, טייבעלע! קליגער געוואָרן! אַ דאַנק — האָסט מיך אויסגעלערנט! אויב מיר זאָלן זיך איצט זעצן צו די ביכער, און אייך אַוועקגעבן די פולע מאַכט איבער דער ערד, וואָלט איר אָפּגעטאָן אויף איר עפּעס אַזוינס, אַז פינף דורות וואָלטן דערפון מיט בלוטיקע טרערן געוויינט. ניין, טייער נאַרעלע מיינס, ווען אַ קולטור טרעט אַרויס קעגן אַ קולטור, מוז עס שוין דערגיין ביזן סוף. דערווייל...

ער האָט איבערגעריסן און זיך פאַרכלינעט.

די אולטראַמאַרינענע אויגן האָבן זיך איינגעגעסן אין האָריזאָנט און אויפגעפלאַמט מיט אַ פריידיקן פלאַם.

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און מיט אַ שטילער, ציטערנדיקער שטים געזאָגט:

— אַ ש י ף.

מאַריוטקאַ האָט אַ שפּרונג געטאָן, ווי אונטערגעוואָרפן פון אַן אינערלעכן שטויס, און דערזען.

ווייט־ווייט, אויף דעם ראַנד פון האָריזאָנט, האָט זיך אָנגעצונדן, געציטערט, געוואַקלט זיך אַ ווייסער פונק — אַ זעגל־שיין געשליידערט פון ווינט.

מאַריוטקאַ האָט מיט די הענט פעסט צוגעדריקט די צי

טערנדיקע ברוסט, איינעסנדיק זיך מיט די אויגן ; זי האָט נישט געגלויבט.

פון דער זייט איז צוגעשפרונגען דער פּאָרוטשניק, אָנגע־כאַפּט זי פאַר די הענט, אָפּגעריסן זיי פון ברוסט, גענומען טאַנצן, אַרומדרייענדיק זי אַרום זיך.

ער האָט געטאַנצט, דערויך פאַרוואַרפנדיק די דאַרע פיס אין די צעריסענע הויזן און הויך געזונגען :

עס וויַזט זיך אַן איינ — זאַמע שיף
ווי נעפּל פון בלוי — ען ים
בים — באַם. בים — באַם.
פון בלוי — ען ים.

— נו, משוגענער ! — האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט אַ פאַרסאָפּעטע, דערפרייטע מאַריוטקאַ.

— מאַשענקאַ ! באַרעלע דו טייערס, אַמאַזאָנישע קעניגין: מיר זיינען דאָך געראַטעוועט! געראַטעוועט.

— וואָס ! משוגענער ! אפשר האָט זיך דיר איצט טאַקע פאַרגלוסט אָוועקצוגיין פונם אינדזל צו אַ מענטשלעך לעבן ?

— פאַרגלוסט ! פאַרגלוסט ! איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט !

— וואַרט !.. מ׳דאַרף זיי געבן עפּעס אַ צייכן ! רופן !

— צו וואָס רופן ? זיי וועלן אַליין צופאָרן !

— און טאָמער פאָרן זיי גאָר אויף אַן אַנדער אינדזל ? די קירגיזן האָבן געזאָגט : דאָ איז דער אינדזל פון טויט. זיי קענען אויסמיידן. שלעפּ אַרויס די ביקס פון שטוב !

דער פּאָרוטשניק האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום הייזל. ער איז אַרויסגעלאָפן, אונטערוואַרפנדיק הויך די ביקס.

— זיי נישט משוגע ! — האָט אויסגעשריגן מאַריוטקאַ, — שיס דריי מאָל נאָכאַנאַנד.

דער פּאָרוטשניק האָט צוגעלעגט די ביקס צום אַקסל. די שאָסן האָבן שטום דורכגעריסן די גלעזערנע שטילקייט, און

ביי יעדן שאָס ד'האָט זיך דער פּאָרוטשניק -געוואָקלט. ערשט דעמאָלט ד'האָט ער פאַרשטאַנען, ווי ווייט ער איז אָפּגע-שוואַכט.

די שיף האָט מען שוין דייטלעך געזען. אַ גרויסע, רויז-לעך-געלע, האָט זי זיך געטראָגן איבערן וואַסער, ווי דער פליגל פון אַ פויגל.

— אַ טייוול, ווייס איך וואָס, — האָט געברומט צוקוקנ-דיק זיך מאַריוטקאַ, — וואָס איז עס פאַר אַ שיפל? צו אַ פּי-שער-שיפל נישט ענלעך, צו גוט.

אויף דער שיף האָט מען דערהערט די שאָסן. דער זעגל האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, אַריבערגעפלויגן אויף דער צווייטער זייט און איינבויגנדיק זיך האַסטיק, אַ קער געטאָן זיך צום ברעג.

אונטער דעם רויזלעך-געלן פליגל איז אַרויסגעשוווּמען פון דער בלויקייט אַ שוואַרצער, נידעריקער גוף.

— סיידן דאָס איז אַ שיפל פון אַ גרענעץ - איינוווינער. אָבער ווער שלעפּט זיך אַרום אין אַזאַ צייט? איך פאַרשטיי נישט... — האָט שטיל געברומט מאַריוטקאַ.

אויף אַ מרחק פון פופציק קלאַפטער האָט זיך דאָס שיפל ווידער געלעגט אויפן לינקן זייט.

אויפן עק האָט זיך באַוויזן עפּעס אַ געשטאַלט, און צו-לעגנדיק די הענט צום מויל, אויסגעשריגן.

דער פּאָרוטשניק האָט זיך אַ ריס געטון און איינגעבויגן פאָרויס, ער ד'האָט מיט אימפּעט אַ וואָרף געטון די ביקס אויפן זאַמד און מיט צוויי שפּרונגען געבליבן שטיין ביים סאַמע וואַ-סער. ער האָט אויסגעצויגן די הענט און, ווי נישט ביים קלאָרן זינען אַ געשריי געטאָן:

הור-ראַ!... אונדזערע!... אונדזערע!... גיכער, מיינע הערן, גיכער.

מאַריוטקאַ האָט זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין שיפל

און דערזעען... אויף די אַקסלען פונם מענטשן, וואָס איז געזעסן ביים רודער, האָבן געגלאַנצט גאָלדענע בענדלעך.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן, ווי אַ צעפּלאָשעטער פויגל, און אַ ציטער געטאָן.

איר זכרון האָט איר, ווי אַ בליץ, אַ שפּריץ געטאָן אין די אויגן און אויסגעמאָלט איר אַ בילד:

אייז... וואַסער־בלויקייט... יעווסיקאָווס פּנים. די ווער־טער: „ווערסט אָנטרעפן צופעליק ווייסע, — זאָלסטו אים אַ לע־בעדיקן נישט אַרויסלאָזן".

זי האָט אַ קרעכץ געטאָן, פאַרביסן די ליפּן און אַ כאַפּ געטאָן די אָוועקגעוואָרפענע ביקס; זי האָט פאַרצווייפלט אַ גע־שריי געטאָן:

— היי, דו... פאַרשאָלטענער קאַדעט!.. צוריק!.. צוריק, זאָג איך דיר, טייוול!

דער פּאָרוטשניק האָט געפאָכעט מיט די הענט, שטייענ־דיק ביז די קני אין וואַסער. פּלוצלונג האָט ער הינטער זיין פּלייצע דערהערט אַ באַטויבנדיקן פייערלעכן גערויש פון אַ פּלאַ־נעט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען אין פייער און שטורעם. ער האָט נישט באַוויזן קלאָר צו ווערן פאַרוואָס, ער איז אָפּגע־שפּרונגען אין אַ זייט, כדי זיך צו ראַטעווען פון דער קאַטאַס־טראָפע, און דער דאָזיקער גערויש פון אַן אונטערגייענדיקער וועלט איז געוועזן פאַר אים דער לעצטער ערדישער קלאַנג.

מאַריוטקאַ האָט אָן שום געדאַנקען געקוקט אויפן פאַלנ־דיקן און אומבאַוווסטזיניק צוגעטופּעט מיט דעם לינקן פוס.

דער פּאָרוטשניק איז אַ פאַל געטון מיטן קאָפּ אין וואַסער. אינעם פּעטן גלאָז זיינען געשווומען געוואָרן די רויטע ריטש־קעלעך פון דעם צעקלאַפּטן שאַרבן.

מאַריוטקאַ האָט געטון אַ טריט פאָרויס און זיך איינגע־בויגן. מיט אַ געשריי האָט זי אַ ריס־געטאָן די בלוזקע אויף דער ברוסט, אַרויסלאָזנדיק פון האַנט די ביקס.

אין וואַסער האָט זיך אויף אַ רויטן נערוו-פּאָדעם געוויגט אַן אַרויסגעהאַקט אויג. בלוי ווי דער ים, האָט דער שוואַרצאַפּל געקוקט אויף איר מיט אַ טרויעריקער פאַרוווּנדערונג.

זי איז אַ פאַל געטאָן אויף די קני אין וואַסער, באַמיענדיק זיך אויפצוהויבן דעם טויטן, אומפאָרמדיקן קאָפּ, און פּלוצלונג איז זי צוגעפאַלן צום מת, איינטונקענדיק איר פּנים אין דעם רויטן בלוט און צעוואָיעט זיך מיט אַ נידעריקן, שטיקנדיקן געוויין.

— טייערסטער מיינער ! וואָס האָב איך געטאָן? הויב זיך אויף! ליבסטער מיינער ! בלויאויגיקער !

פונם שיפל, וואָס האָט זיך איינגעשניטן אינם זאַמד, האָבן אַרויסגעקוקט די דערשטוינטע מענטשן.

לענינגראַד, נאָוועמבער 1924